אבער דער פוינט איז נישט די יא. יא, איך וויל נאר מדגיש זיין, ווייל איך האב שוין געזאגט נעכטן, אבער עס איז א גרויסע קלארקייט וואס איך האב, און איך מיין אז דער רוב מענטשן האבן עס נישט געכאפט, אז מענטשן געוועגליך טראכטן, און נישט מען מענטשן, גרויסע מענטשן אויך, צום צו טארן א געוויסע צדן דעם, אז וואס דאס דא בויפן קלאדיצט, וואס דו זעקסט גלייבן אין א גאט, כח עליון, וויאז מען רופט עס, אדער עפעס א אזא זאך, נאכדעם within די מאמינים, יא, דאס איז לעפיר קייט אטעאיסטים וואס גלייבן נישט קיין שום גאט, נאכדעם וואס איז אינדער וואס גלייבן א גאט, טא א שאלה ווער איז דער אמת'ער גאט? דאס אבער מאכט נישט קיין סענס, וואס הייסט ווער איז דער אמת'ער גאט? וויאזוי זיין עפקאוויסער הייסט, אויב מיר מיינט דער אמת'ער גאט מיינט דער אמת'ער גאט. לויט דער רמב"ם און האט תרצו both, אז ווי די זרה ווייסט ווער דער אמת'טער גאט איז, ער זאגט אז דער ערשטער ערן איז א גאט, אז דער ערשטער גאלגל, ערשטער ערשטער מעלך, ערשטער זאך וואס איז א נברא איז א גאט. ער האט א טעות, ער רופט עס טאקע גאט, אבער ס'נישט געזעהייר אז די ביידע גלייבן עיקל יענע כח עליון שלא וועלכע ער איז. אבער די וזרה האט א טעות אין וועלכע לעוועל שטייט די כח עליון. זיין כח עליון איז בכלל נישט קיין כח עליון, ס'איז א נידיגערע זאך. ס'קומט דער ארויס א הארבע זאך, ס'טארטש אזויבן איינער פארשטייט נישט געטליכקייט, און ער גלייבט נישט.

רייט. דאס איז דער רמב"ם. פאר דעם דער רמב"ם האט געהאלטן אז ווער ס'איז... מיר נימעס ווייניגער צו קענען הלכות יסודי התורה, צו וויסן אין וועלכע באשעפער אונז גלייבן. ווייל סתם זאגן איך גלייבן אין דא באשעפער, איז א לכאורה נאך גארנישט געטון, ווייל דו פארשטייסט נישט וואס מיינט א באשעפער, וואס מיינט דער מוציא ראשון. יא? פארדעם דער רמב"ם פארשטייט אז ווער ס'גלייבט אין א גאט וואס איז א גוף, איז א גוף דאך נישט דער אייבערשטער, אז ער גלייבט אין עפעס א דבר נברא אז ער איז א גאט. יא? פארדעם האט ער געזאגט אז ער איז א מין.

**תירוץ אויף דער רמב"ן'ס קשיא – "מה שמו"**

אדער די זעלבע זאך, מיט דעם האב איך פארענטפערט די רמב"ן'ס קשיא אויף די רמב"ם. די רמב"ם פרעגט אויף די רמב"ם, מ'האט עס געלערנט אויך נעכטן, איך זאג דיר דאס וואס ס'גייט זיין פסח. ס'שטייט אין די תורה, משה איז געקומען צו די אידן און געזאגט "אהיה שלחני אליכם", און משה זאגט "מה שמו" וכו'. און די רמב"ם האט געלערנט פשט אז די אידן האבן געפרעגט פון משה ווער איז דא א גאט. אזוי זאגט די רמב"ם פשט אין, איך מיין אין מורה, נישט אז ס'איז נישט געווען בפירוש, אבער אין מורה שטייט אזוי קלאר. און די רמב"ן האט געפרעגט אויף דעם פרשת שמות, אז וויאזוי קען זיין די אידן האבן נישט געגלייבט אין קיין גאט? זיי גלייבן נישט אין דעם. ס'הייסט, די רמב"ן האט פארשטאנען אז ס'קען זיין אז עובדי עבודה

זרה, דאס קען זיין, ווייל מ'זעט דאך אין חז"ל אז ס'איז געווען א חלק על כל פנים פון די אידן וואס האבן געדינט עבודה זרה, אזויווי די רמב"ם האט געזאגט.

די רמב"ם האט דאך געזאגט קלאר אין סוף פרק א' אז ביז משה רבינו האבן די אידן נישט געגלייבט אין קיין גאט. זיי האבן נישט געגלייבט, זיי האבן כמעט פארגעסן. זיי זענען געווען אזויווי צאן פון אברהם, ס'הייסט זיי זענען געווען אינגאנצן פארקראכן. ס'הייסט ער גייט נישט אהער צו אהין. אבער די רמב"ן, איך מיין אפילו די רמב"ן וואלט נישט געזאגט אז ס'קען נישט זיין קיין עובדי עבודה זרה, אבער ער קען נישט פארשטיין אז א איד זאל נישט גלייבן אינגאנצן אין גאט.

אבער ביי די רמב"ם איז עס די זעלבע זאך, ווייל אוודאי האט ער געגלייבט אין עפעס א כח עליון, אבער ער האט נישט געוואוסט פון די "אהיה אשר אהיה", וואס איז ארום אזא אמת'דיגע הבנה פון מציאת השם. דאס איז טאקע א גרויסע חידוש. דאס איז נישט קיין זאך וואס מ'קען זאגן, "אה, וויאזוי קען זיין? ס'קען יא זיין, ווייל נישט יעדער איינער ווייסט דאס. סאו דאס מיין איך איז די חידוש פון די רמב"ם.

אבער אמת'דיג, אז יעדער ווייסט, איז דא איינער וואס ווייסט נישט דאס? אבער היינט ווייסט שוין יעדער. די רמב"ם האט שוין געמאכט אסאך ארבעט, און די בעל שם טוב, און די אלע. כמעט קיינער גלייבט נישט אז די אייבערשטער איז א גוף. נישט נאר כמעט קיינער, קיין שום איד, אדער איז איינער פון די כופרים. אבער יעדער איינער פארשטייט אז די אייבערשטער איז עפעס ביאנד אלעס. ס'איז פשוט. אויסער אויב מ'האט זייער שטארק מורא פון טראכטן, און מ'זאגט אזויווי, "די באשעפער וואס איך האב מורא פון אים ווייל ער גייט מיר שטראפן אויב איך גיי עניטינג טראכטן", דעמאלטס איז עס טאקע בצמצום. אבער אויב טראכט מען, אויב מ'איז זיך מתבונן אין די זאך פון מוציא ראשון, די באשעפער וואס אן אים איז גארנישט דא, די ערשטע כח, די כח ראשון... אבער איך זאג אז קיינער...

אפילו דער וואס פארשטייט נישט היינט, ער טראכט נישט אז דער אייבערשטער איז דער הימל, יא? דער אייבערשטער וואוינט אין דעם, ער פארשטייט נישט וואס ער זאגט. אקעי. אבער ווען מיר זאגן גוף, מיינען מיר עפעס א גוף וואס איז א נברא. קיינער טראכט נישט דאס, סאו קען זיך חז"ל זאגן אז רוב אידן ווייסן שוין ווער דער אייבערשטער איז. אקעי, עניוועיס, דאס איז א גוטע הקדמה. יעצט גייען מיר אריין, די גמרא גייט נישט זאגן.

#### דיגרעסיע: די גרעסטע חשש פון עבודה זרה היינט

### Speaker 2:

לכאורה די גרעסטע חשש פון עבודה זרה היינט איז טאקע איינער וואס גיבט כוחות פאר זיין רבי'ן מער וויפיל, און ער מאכט זיין רבי'ן פאר א כח הממצע, אזוי ווי עבודה זרה.

### Speaker 1:

לאמיר לערנען, לאמיר לערנען. ס'איז מיר נישט אזוי פשוט דאס, ווייל איך זאג דיר, ווייל דער רמב"ם רעדט אז כל זמן דער וואס טוט עס מיינט, ער האט פארגעסן אז ס'איז דא א גאט וואס איז למעלה פון דעם. ניין, איינמאל דאס איז נישט שייך, מיינסטו... אקעי, לאמיר לערנען אינעוויינינג, ווייל דאס האב איך געטראכט דא ווען איך האב עס געהערט.

#### הלכה א' — עיקר הציווי בעבודה זרה

### Speaker 1:

אקעי, סאו לאמיר לערנען די ערשטע הלכה. זאגט דער הייליגער רמב"ם: **"עיקר הציווי בעבודה זרה"**, די עיקר וואס די תורה איז מצווה, די עיקר מצוה פון עבודה זרה איז, **"שלא לעבוד אחד מכל הברואים, לא מלאך ולא גלגל ולא כוכב, ולא אחד מארבעה יסודות, ולא אחד מכל הנבראים מהם"**. מען זאל נישט דינען קיין שום באשעפענישן, נישט קיין שום אנדערע באשעפעניש נישט. דאס איז א המשך פון די פאריגע פרק, אז די וועג ווי אזוי עבודה זרה האט זיך אנטוויקלט איז אז אפילו א מענטש האט געוואוסט אז דער באשעפער איז דער באשעפער, אבער ער האט אנגעהויבן דינען... ער גייט שוין זאגן יא, אבער ער האט אנגעהויבן דינען איינער פון די ברואים, א גלגל אדער א כוכב, דאס איז די עיקר ציווי עבודה זרה.

זאגט דער רמב"ם, די ליסט איז ממש די ליסט פון די רמב"ם אין יסודי התורה, פרק ב', ער זאגט אז ס'איז דא מלאכים, ס'איז דא גלגלים, כוכבים, די ארבעה יסודות, און זאכן וואס זענען געמאכט פון די ארבעה יסודות. די זענען אלע נבראים, נישט קיין בוראים. ס'איז דא איין בורא, און מ'האט דא די אלע נבראים. סאו דאס איז א גרויסע חידוש, א גרויסע קלארע זאך וואס דער רמב"ם זאגט, ווייל באלד גייען מיר לערנען, און איינער וועט פרעגן א למדן, וואס איז עיקר עבודה זרה? וועט ער זאגן השתחואה, עבודה, קטורת, ניסוך, איך ווייס נישט וואס. עיקר עבודה זרה איז צו דינען קיין שום נברא. דאך, ווי אזוי מ'דינט, וואס הייסט עבודה, דאס איז שוין פרטים. אבער דאס איז די עיקר.

#### אפילו ווען דער עובד ווייסט אז השם הוא האלהים

זאגט דער רמב"ם, **"ואף על פי שהעובד יודע שה' הוא האלהים"**, אפילו דער עובד, ער איז א גרויסער עובד, ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז השם הוא האלהים, ער מיינט דער עובד עבודה זרה, אפילו ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז האלהים, **"ועובד נברא זה על דרך שעבד אנוש ואנשי דורו תחילה"**, דינט א געוויסע נברא, ווייל ער טוט דאס ווייל דער אייבערשטער האט זיי געגעבן כבוד, דער אייבערשטער האט זיי געלייגט בשמים, מיט די גאנצע פראכט, מלאים זיו ומפיקים נוגה, איז א סימן אז דער אייבערשטער וויל מ'זאל זיי געבן כבוד און מ'זאל זיי דינען, **הרי זה עובד עבודה זרה**, הייסט ער אן עובד עבודה זרה.

איך האב דאס געלערנט, האב איך געטראכט אז ס'איז אביסל אינטערעסאנט, ווייל פשט איז אז דער מענטש ווייסט דאך אז דער אייבערשטער איז דער באשעפער, און ער מיינט אז ווען ער געבט כבוד פאר די כוכב געבט ער כבוד בעצם פאר'ן אייבערשטן. סאו ס'קען זיין אז די איסור עבודה זרה, די לעוועל עבודה זרה, איז מער א איסור ווייל ער גייט מטעה זיין אנדערע מענטשן. דו קענסט זאגן אזוי ווי אז די לעוועל, אויב ס'איז דא אזא מין מענטש, איז דאך נאר די חשש ווייל זיין זון גייט שוין זיין אן עובד עבודה זרה אן פארגעסן פון דעם אייבערשטן, ווייל ער איז די איינציגסטע פאל וואס ער געדענקט נאך יא אז ס'איז דא א באשעפער. ער זאגט אז יעדער עובד עבודה זרה איז דאך פשט אז ער איז אויך אן אטעיסט, ער איז דאך נישט קיין אטעיסט, ווייל ער געדענקט דאך יא אז דער אייבערשטער איז איבער די נברא. ס'איז זייער אינטערעסאנט. סאו, אין א וועג קען מען זאגן אזוי ווי אז די עיקר עבודה זרה איז אן ענין פון אזא שטיקל בין אדם לחבירו, אזא שטיקל מכשול זיין אנדערע מענטשן.

#### דיסקוסיע: עבודה זרה אלס בין אדם לחבירו

### Speaker 2:

ס'איז א יסוד אין די תורה.

### Speaker 1:

יא, אבער דו ביסט פוגם אין די אייבערשטער, אבער דו ביסט פוגם אין אנדערע מענטשן, און אזוי ביסטו פוגם אין די אייבערשטער.

### Speaker 2:

יא, אזוי איז דאס געווען אין די פריערדיגע פרק. לויט ווי איך פארשטיי, אז ס'איז אזוי, דו ביסט גערעכט. אזוי האבן מיר נעכטן פארשטאנען מיט אברהם מיט די חסד, דאס איז געווען זיין ערשטע, דא זעטסטו עס אויך. הרי זה עובד עבודה זרה ווייל ער גייט מכשול זיין אנדערע מענטשן.

### Speaker 1:

רייט, אזוי איז זייער אינטערעסאנט. און ס'איז טאקע א גרויסע חידוש, דער רמב"ם, איך מיין אז זיי האבן אויסגעפירט די ערשטע הלכה, יא? דער רמב"ם האט געמאכט א גרויסע חידוש אז עיקר עבודה זרה, מילא, דאס אויף דעם איז אויך חל די איסור, די גרויסע חומר, פארשטייט זיך, לא יהיה לך

אלהים אחרים על פני, אויף דעם קומט אויך אן על פני, יא? אפילו ווען דו גלייבסט יא, על פני, נישט קעגן מיר, מיט מיר.

**קשיא: וואו שטייט אז אנוש איז געווען עובד עבודה זרה?**

אבער קען זיין דער רמב"ם נעמט עס צו שטייט אין חלק אז דור אנוש? אויף וועם שטייט עס? שטייט ערגעץ אויף אנוש? איינמאל דער רמב"ם פארשטייט אז אנוש האט בעצם געגלייבט אין אייבערשטן, שטייט ערגעץ אז אנוש איז געווען עובד עבודה זרה? איך מיין, איינמאל מ'רופט אנוש עובד עבודה זרה, איז דער רמב"ם לשיטתו אז אנוש האט געוואוסט פון אייבערשטן.

**הלכות עבודה זרה, פרק ב', הלכה א' (המשך) – עיקר עבודה זרה און דער פסוק "פן תשא עיניך השמימה"**

**דער רמב"ם'ס מקור פון אנוש'ס דור – א הכרח, נישט א מסורה**

**Speaker 1:** פון דארט ווייסט ער אז דאס הייסט עבודה זרה. אבער ווי דאס איז אליינס, האט ער נישט קלאר קיין מקור אז אנוש האט געהאט די שטיקל תורה. ער האט א הכרח אז אנדערש קען דאך נישט זיין.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** סאו, אבער איך מיין אז ס'איז א חידוש.

**דער רמב"ן'ס שיטה – דאס איז נישט א גדר, נאר דער עצם איסור**

און לויט די רמב"ן, דאס הייסט נישט א גדר. דאס הייסט, אונז זאגן אז ס'איז א גדר, וועלן מיר רעדן בבחינת טעמי המצוות צו פארשטיין די טעם. אבער ביי עצם, ווען ס'שטייט אין תורה **"לא יהיה לך אלהים אחרים"**, מיינט עס נישט דער וואס מאכט די טעות, ס'מיינט אפילו דער וואס האט נישט די טעות.

**חיוב סקילה לויט'ן רמב"ם**

דער רמב"ם האט נישט דא געזאגט קלאר למשל אז ער איז חייב סקילה און ער באקומט די עונש פון אן עובד עבודה זרה.

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין, ס'איז נישט קיין שום ספק אז לויט די רמב"ם איז ער חייב סקילה.

**Speaker 1:** יא, אזוי זעט אויס. אזוי זעט אויס. ער וואלט נישט געזאגט אז עיקר עבודה זרה מיט די רשעות איז דאס, און די רבנן האבן מחמיר געווען אויך אויף דעם.

**דער פולמוס וועגן מכניס רחמים**

פאר דעם, אמת'דיג, יעדער ווייסט אז ס'איז דא א גרויסע פולמוס און מחלוקות וועגן מכניס רחמים מיט אזעלכע זאכן. אמת'דיג, ס'הייבט זיך אן פון דעם רמב"ם.

דער רמב"ן אין זיין דרשת תורת ה' תמימה זאגט אז ער האט פארשטאנען דעם רמב"ם, ער איז מאריך דארט אין די ענין פון עבודה זרה, ער זאגט אז אויב אזוי, איז עס איסור עבודה זרה, ס'איז נישט נאר א קלייניקייט. ס'איז איסור עבודה זרה צו בעטן א מלאך עפעס, ווייל אדרבה, דער מלאך... מ'זאגט נישט אז דער מלאך עקזיסטירט נישט, אבער צו מאכן עבודה פאר א מלאך, דאס זאגט דער רמב"ם, ער זאגט אפילו... בעטן איז געדאי עבודה, לשון ספק. וואס הייסט תפילה איז עבודה.

**דיסקוסיע: בעטן מלאכים זיי זאלן גיין בעטן ביים אייבערשטן**

**Speaker 2:** און וועלן זיי זיך די... אום, בעטן די מלאכים זיי גייען בעטן ביים אייבערשטן?

**Speaker 1:** יא, יא, דער רמב"ם גייט זאגן קלאר, און מ'וועט זען אז דער רמב"ם אין די נעקסטע שטיקל זאגט קלאר **"להיות סרסור בינו לבין השם"**, יא? דאס איז אין די ענד פון די צווייטע שטיקל שטייט דארט קלאר, און איך וויל נאר זאגן פון דעם, נישט נאר אין די ערשטע שטיקל קען מען לערנען אז ער איז דארט ענש, זיי געבן כבוד לכאורה פאר'ן אייבערשטן, נאר נאכדעם זאגט ער קלאר אז אפילו ס'זאל זיין א מיטלער צווישן דיר און דער אייבערשטער, איז עס אויך אן איסור, און דאס איז אויך לכאורה דער עיקר עבודה זרה לויט'ן רמב"ם.

**דער "סליפערי סלאופ" – פארוואס דער "סענסיבלער" עובד עבודה זרה איז ערגער**

סאו אמת, אז לויט דעם קומט אויס אז אדרבה, וואס הייסט מענטשן זאגן דארט אדרבה, איך געב כבוד פאר עפעס א דבר נברא, פארשטייט זיך איך מיין נישט חס ושלום אז ער איז דער אייבערשטער. ס'איז אמת, אבער די דורות ענש האבן אויך ענערדזש געמיינט אז ער מיינט נישט אז ער איז דער אייבערשטער, נאר למעשה קומט אויס אז מ'פארגעסט פונעם אייבערשטן.

ס'איז א גאנצע האקל, ווייל ס'איז זיכער אז אין אונזער תפילה רעדן מיר אסאך וועגן די ביוטי פון די בריאה, אבער דעמאלטס מיינט מען דירעקט דעם אייבערשטן.

**דער חילוק צווישן תפילה און עבודה זרה – "האדון על כל המעשה"**

למשל ווען מ'זאגט "האדון על כל המעשה", און מ'רעדט דאך אזוי שיין וועגן די שמים און כוכבים, זאגט מען נישט "דו ביסט אזוי שיין שמים", מ'זאגט "דו ביסט אזוי גרויס באשעפער, דו האסט באשאפן אזא שיינע שמים". די לשון נוכח גייט נאר צום אייבערשטן.

**Speaker 2:** יא, יא, יא, יא, יא.

**Speaker 1:** ווייל דער "האדון על כל המעשה" האט געמאכט, ער האט געמאכט א שיינע זון, ער האט געמאכט געוואלדיגע זאכן. די זון, מ'זאגט פארקערט, די זון בוקט זיך צו אים, יא? וואו שטייט מיר דאס? דאס איז וואס שטייט אז "עושה באהבה רצון קונו". די "עושה באהבה רצון קונו" איז לכאורה אפצופרעגן עבודה זרה וואס זאגט אז די זון האט אן אייגענע זאך. ניין, די זון איז אן "עושה באהבה רצון קונו".

**דער רמב"ם'ס שיטה איז קלאר**

סאו ס'זעט אויס קלאר אז דער רמב"ם האט עס אזוי געהאלטן. מ'קען זיין מחולק מיט'ן רמב"ם, אבער איינער וויל זיין מחולק אין הלכות עבודה זרה מיט'ן רמב"ם... ס'זאגט מיר אז מ'קען בדוחק נישט גיין מיט'ן רמב"ם, אבער דער רמב"ם זעט אויס זייער קלאר אז מ'טאר נישט די אלע זאכן טון, און ס'איז עיקר עבודה זרה.

**א צווייטע מעגליכקייט – אפשר נישט חייב סקילה?**

מ'דארף זען אפשר אביסל שפעטער, וואס קען נאך אלץ זיין אז דער רמב"ם האלט נישט אז דער מענטש איז שוין חייב סקילה, נאר ער איז אן עובד עבודה זרה, ער הייבט אן די ענין פון עבודה זרה. מ'וועט זען שפעטער, ס'קען זיין אז ער האט נאר עובד זיין עבודה זרה פון די אלילים ואלילים...

מ'גייט נישט זען שפעטער. ס'איז איבערגעקלערט, מ'גייט נישט זען שפעטער, איך האב נישט געהאט קיין סבלנות פאר די פרקים. אין סימן ג' ברענגט ער א פסוק אויף דעם, אבער איך מיין די שטיקל, אבער די תיקוני זוהר איז נאך א זאך, לכו"ק א ספר, אבער דאס איז די עיקר עבודה זרה וואס די רמב"ם איז דא קלאר, וואס ער רעכנט אז פון דעם שטייט עס שפעטער, אז דאס איז די גורם.

**חידוש: פארוואס דער "סענסיבלער" עובד עבודה זרה איז א גרעסערע עבירה**

**Speaker 2:** אקעי, לאמיר ווארטן... איך קען טראכטן אפשר אז די רמב"ם האט געוואלט זאגן אז די עבודה וואס מאכט מער סענס, וואס דו קוקסט אן ווי א קלענערע עבירה, איז אסאך א גרעסערע עבירה, ווייל א מענטש וואס טוט אבסורד זאכן, קיינער גייט זיך נישט אפלערנען פון אים. די סליפערי סלאופ הייבט זיך דאך דווקא אן פון איינער וואס מאכט סענס.

**Speaker 1:** אקעי.

**Speaker 2:** סאו וועגן דעם, ווייל איינער וואס ער ווייסט אז די דבר השפענער האט געטראכט אז מען דארף געבן כבוד פאר די כוכב, און אזוי וועג טוט ער א גרעסערע עבירה, ווייל פון די צווייטע מענטש גייט זיך קיינער נישט אפלערנען, ווייל די צווייטע מענטש איז א טיפש.

**Speaker 1:** אקעי, דאס איז שוין א חידוש וואס דו זאגסט, קען זיין, אבער...

**פארוואס קינדער פארשטייען נישט די חילוק**

ס'איז זיכער אז די רמב"ם האט פארשטאנען אז וויבאלד רוב מענטשן פארשטייען נישט וואס מ'גלייבט, דאס איז אין די קאפ, און דאס זעט מען נישט. ס'זעט, זעט מען וואס מ'בוקט זיך צו די דבר נברא. ממילא די קינדער מיינען אז דאס איז די זאך.

מ'קען זען, איך ווייס, ס'איז נישט קיין דבר רחוק, איך מיין, איך וויל נישט ארויסנעמען די כוזרי אויף אידן, אבער מ'קען זען אז אין די פלעצער וואס מ'איז שטארק מדגיש געוויסע דברים נבראים, אפילו זיי זאגן בטורח סרסא, די קינדער ווייסן נישט די חילוק, די קינדער זאגן כפשוטו. מ'זעט גלייך אז ס'געשעט, ס'איז נישט קיין זאך וואס שטייט נאר אין רמב"ם.

אונזער רבי וואס האט זיך זייער שטארק געקאכט אין דעם אז מ'זאל נישט מאכן פון קיינעם קיין גאט, אמת?

**Speaker 2:** אקעי.

**הלכה ב' – דער פסוק "פן תשא עיניך השמימה"**

**די תורה רעדט צו חכמים, נישט צו טיפשים**

**Speaker 1:** זאגט די רמב"ם ווייטער, **"וענין זה הוא שהזהירה עליו תורה"**. דאס איז וואס די תורה האט געווארנט פאר די מענטשן. די תורה רעדט נישט צו טיפשים, די תורה רעדט צו חכמים. די תורה רעדט צו די מענטשן וואס קענען טראכטן און זאגן, "אה, ס'קומט זיך כבוד פאר די כוכבים".

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

זאגט ער, דאס איז וואס די תורה האט געזאגט, **"פן תשא עיניך השמימה וראית את השמש ואת הירח ואת הכוכבים"**, און אז לכאורה די רמב"ם לערנט, אזוי ווי דו זעסט ווי ביאטיפול זיי זענען, און דו וועסט טראכטן אז ס'קומט זיך זיי כבוד.

**פשט אין "תשא עיניך" – שפאצירן אין קאפ**

זאגט דער רמב"ן אזוי, קלארערהייט, וואס איז פשט פון דעם פסוק "שם תשים בעין לבך"? דו גייסט שפאצירן... נעכטן האט אברהם אבינו אויך שפאצירט מיט זיין קאפ... ער מיינט צו זאגן, "שא נא עיניך השמימה" מיינט נישט נאר קוקן אין די הימל, מיינט עס אריינטראכטן אין די הימל, שפאצירן אין דיין אויגן, אין דיין הארץ.

"בעין לבך" – אמת, אסאך מאל "עין", איך האב געטראכט וועגן דעם לעצטנס, אין די תורה ווי זאגט מען טראכטן? "תשא עיניך". אמאל מיינט עס קוקן, אבער "עין", אזויווי עס שטייט "חכם עיניו בראשו", מיינט ער האט זיין קאפ, ער האט אויגן אין די קאפ, מיינט ער טראכטן.

אבער עס איז זייער שיין די דמיון פון גיין שפאצירן אין די קאפ. ס'קען זיין אז דאס איז שפאצירן אין די אויגן, ווי מ'גייט שפאצירן. ער זאגט אז שפאצירן אין די קאפ איז אזויווי מ'גייט שפאצירן מיט די פיס. אסאך מאל איז עס ביידע, שפאצירן מיט די פיס קען אמאל העלפן.

אבער ער מיינט צו זאגן, ס'קען זיין ער מיינט צו זאגן "תשא עיניך וראה", אזוי ווי צוויי זאכן, נישט סתם גיין א קוק. מ'קוקט און מ'איז זיך מתבונן.

**דער חילוק צווישן התבוננות לשם שמים און עבודה זרה**

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דער רמב"ם האט דאך פריער געזאגט אז קוקן און זיך מתבונן זיין אין די יראת הכוכבים איז א חלק פון עבודת השם, און דורך דעם ווערט דער מענטש נתפעל פון דעם אייבערשטן. אבער דא קען זיין א פראבלעם פון אנשטאט קוקן ווייטער צו דעם אייבערשטן, שטעלט מען זיך אפ ביי די יראת הכוכבים.

**וואס מ'זעט ווען מ'קוקט אין הימל**

מ'קוקט פונקטליך וואס עס איז דא, און ער זעט אז זיי זענען אויס "אלהי המנהיגים והמושלים". נישט אז זיי זענען. ער זעט אז זיי זענען אין א געוויסע בחינה זענען זיי מנהיגי עולם. ער טייטשט די גלגלים פשוט די כוכבים, און די כוכבים פשוט די תולדות יסודות.

**פשט אין "אשר חלק ה' אותם לכל העמים"**

**דער רמב"ם'ס טייטש**

ער טייטשט דעם פסוק **"אשר חלק ה' אותם לכל העמים"**. "אשר חלק ה' אותם לכל העמים" – דער אייבערשטער האט צוגעגעבן כח פאר די יראת הכוכבים אז זיי זאלן פירן, **"להיותם חיים והווים ונפסדים כמנהגו של עולם"**, אז די כוחות השמים...

**דיסקוסיע: וואס מיינט "חיים והווים ונפסדים"?**

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין, ניין. ס'איז נישט די טייטש.

**Speaker 1:** איך האב געזען עמיצער זאגט אזוי, אבער די טייטש איז, דאס גייט צוריק אויף וואס ער האט געלערנט אין יסודי התורה פרק ב', אז די כוכבים זענען נישט חיים והווים ונפסדים, געדענקסט? זיי זענען חיים, אבער זיי זענען נישט הווים ונפסדים, זיי שטארבן דיך נישט.

אבער די כוכבים, זיי זענען אחראי, מיט זייערע תנועות פירן זיי די ד' יסודות, וואס זיי זענען הווים ונפסדים כמנהגו של עולם. און דאס איז "לכל העמים". "לכל העמים" מיינט אלעס וואס איז נאך די ד' יסודות. די מענטשן, בעיסיקלי, וואס דאס דארף מיינען, אויך חיות און אנדערע זאכן. אבער יא, די נבראים פון עולם הבריאה.

**Speaker 2:** רייט.

**די כוכבים פירן טאקע די וועלט – אבער מ'דארף זיי נישט דינען**

**Speaker 1:** אז מ'זעט, מ'זעט אז די גלגלים און די כוכבים זיי פירן, טאקע לכל העמים, און ממילא, וואס איז די כוכבים? מ'זעט די גלגלים וואס זיי פירן די כוכבים, און די כוכבים האבן א השפעה אויף די ד' יסודות, און די ד' יסודות זענען פון וואס אונז זענען מיר אלע, פון וואס די גאנצע בריאה איז צוזאמגעשטעלט.

אזוי אויב אזוי וועסטו טראכטן, "זרעו להשתחוות להם ולעבדם", אז אויב די גלגלים און כוכבים האבן די כח איבער אונז, זיי מאכן... זיי האבן השפעה אויף אלעס וואס איז חי והווה ונפסד...

**דער שטיקל אינצווישן פון די פסוק**

דאס איז דער שטיקל אינצווישן פון די פסוק וואס ער האט געסקיפט, **"פן תשא עיניך השמימה וראית את השמש ואת הירח ואת הכוכבים כל צבא השמים ונדחת והשתחוית להם ועבדתם"**. ווען דו דאכטסטו וואס, דו וועסט מאכן א טעות, דו וועסט טראכטן אזוי, "זרעו להשתחוות להם ועבדתם". אויף דעם האט אונז די תורה געווארנט, ניין, גוט. אזוי זאלסטו נישט טראכטן.

**דער פסוק איז א שטארקע ראיה**

דער פסוק איז זייער זייער א שטארקע ראיה, ווייל ס'איז דאך דא דער פסוק "אשר חלק לכל העמים" איז א שווערע פסוק, ס'האט דער אייבערשטער געטיילט אנדערע געטשקעס פאר אנדערע עמים. וואס מיינט דאס? זאגט דער רמב"ם, ס'איז אמת. דער אמת איז אז די כוכבים פירן די אלע עמים. "לכל העמים" מיינט כולל דיך. אבער די טעות איז אז די תורה מאכט נישט די טעות אים צו דינען וועגן דעם. פארוואס נישט?

**דער נעקסטער פסוק – "ואתכם לקח ה'" – און דער קשר צו יציאת מצרים**

אבער ס'איז אינטערעסאנט ווייל דער נעקסטער פסוק איז זייער שטארק קאנעקטעד, ספעציעל מיט'ן רמב"ם. דער רמב"ם קאנעקט עס אבער נישט. איך מיין אפשר יא, אז יציאת מצרים איז א ראיה אויף בריאת העולם. אבער ממילא, ס'איז נישט גארנישט קעגן בריאת העולם דא. בריאת העולם, ס'איז אמת "אשר חלק לכל העמים".

גוט, אבער איך מיין דער רמב"ם האט געזאגט, אויב דער רמב"ם ברענגט נישט דעם המשך הפסוק, אבער אויב וואלט איך געטראכט לויט'ן רמב"ם,

וואס איז דער נעקסטער פסוק? פארוואס דארף איך זאגן אז די עובדי עבודה זרה האבן נישט די חכמה?

דער נעקסטער פסוק איז **"ואתכם לקח ה' ויוצא אתכם מכור הברזל ממצרים להיות לו לעם נחלה כיום הזה"**. נאך דער פסוק פון "פן תשא עיניך", איך האב געטראכט אז דער פסוק איז אזוי ווי א שיינע המשך, אז ענק האבן דאך געהאט יציאת מצרים, וואס דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו אידן, און דארט האבן אידן געזען אז דער אייבערשטער איז יא דער דירעקטער מנהיג פון אלעס, אז מ'קען נאר דינען דעם אייבערשטער.

**דער רמב"ם'ס פשט אין "אשר חלק לכל העמים"**

דער רמב"ם זאגט נישט אז ס'איז נישט אמת אז זיי פירן נישט די וועלט. וואס דער רמב"ם זאגט איז אז אויב מ'וועט זיי דינען, וועט מען מאכן א טעות און פארגעסן פונעם אייבערשטן. און דער רמב"ם האט טאקע פריער געזאגט אז דאס איז געווען אין יציאת מצרים, האט מען כמעט פארגעסן טאקע, און ביי יציאת מצרים האט דער אייבערשטער משה רבינו צו אנזאגן טאקע, אז מען זאל דאס נישט טון, ווייל ביי אים איז דאס גורם פאר די טעות.

סאו דאס וואלט געווען דער רמב"ם'ס פשט פון "אסלה להם כדבריך". פשט איז, "אסלה להם כדבריך", נישט דו זאלסט נישט דינען די אשר חלק לכל העמים, פארוואס? ווייל דאס איז עיקר עבודה זרה.

**די תורה רעכנט זיך מיט דעם וואס ווייסט**

אבער כפשוטו זעט מען אין דעם פסוק אז טאקע די תורה האט זיך גערעכנט מיט דעם וואס ווייסט, ער האט נישט געמיינט. דער עובד עבודה זרה וואס די תורה רעדט צו איז נישט איינער וואס רעדט זיך נעבעך איין אז דער אייבערשטער איז די זון.

**הלכות עבודה זרה, פרק ב', הלכה א' (המשך) – דער טעות פון "ונדחת והשתחוית להם ועבדתם"**

**דער עיקר טעות: "לעבדם"**

דער טעות הייבט זיך אן מיט די ווערטער **"ותמה אשר עלו להשתחוות להם ולעבדם"**. דא איז די טעות. די טעות איז געווארן "לעבדם", ווייל דער פסוק שטייט **"ונדחת והשתחוית להם ועבדתם"**, ווייל **"אשר חלק ה' אלקיך"**. זיי מיינען אז ס'קומט זיך אויך "ושלחתם ועבדתם". דא איז דיין גרויסע טעות.

**חידוש: דער חסידישער מהלך – מ'מעג קוקן אין הימל**

רבותי, איר מעגט קוקן אין הימל און טראכטן ווייטער נאר פון אייבערשטן וואס האט זיי געמאכט. מ'קען זאגן אז די חסידיש'ע וועג לייגט זיך אריין, אנשטאט פון זיך האלטן אונטער די הימל, הגם מיר זענען טאקע אונטער די הימל, האלט אונז זיך אזוי ווי די הימל דינט דעם אייבערשטן, איך דין דעם אייבערשטן.

וויאזוי מ'זאגט "סוסים ומרכבותיו", איך בין דעם אייבערשטנ'ס אזוי ווי די זון, און די זון און איך זענען ביידע עבדי ה'. אזוי ווי אלע שמים עובדים ומפחדים, און אונז זענען אויך עבדי ה'. הגם ס'איז אמת טעארעטיש אז די הימל איז העכער אונז, אבער לגבי ה' זענען מיר אלע אייניג.

אין אונזער תפקיד איז דאך אונזער תפקיד איז דאך אפילו צו זיין העכער די הימל, אזוי ווי ס'שטייט **"ויוציאהו החוצה"**. דאס איז דאך וואס משה רבינו האט געוויזן מיט די אצבע כלפי מעלה.

**דער רמב"ן'ס פירוש אויף "השמרו לכם פן יפתה לבבכם"**

די רמב"ן זאגט אז די ציווי וואס ער האט געזאגט, דאס וואס דער אייבערשטער האט באפוילן אין די פסוקים פארדעם, **"השמרו לכם פן יפתה לבבכם"**, דאס מיינט ער אין **"ורם לבבך ושכחת"**. **"השמרו לכם פן יפתה לבבכם"**, אז ענקער הארץ זאל נישט נאכגיין נאך די טעות פון קוקן אויף די גרמי השמים.

**דער רמב"ן'ס קשיא און תירוץ**

וואס איז די "יפתה לבבכם"? וואס איז די פיתוי? די רמב"ן פרעגט לכאורה די זעלבע קשיא פון פריערדיגע פרקים, "יפתה לבבכם", וואס איז אזוי אינטערעסאנט פון יענע וועלט? ניין. וואס איז אזוי אטרעקטיוו?

זאגט ער, ווייל ס'איז אמת, ווייל זיי האבן טאקע א גרויסע כח און זיי האבן טאקע א גרויסע השפעה אויף אונז, ממילא קענסטו זיין "וסרתם ועבדתם".

כלומר, טייטשט די רמב"ן, **"שלא תטו בהרהור עליהם"**, אז ס'זאל נישט געטוישט ווערן בהרהור עליהם. דאס הייסט, די טעות איז אין די הרהור עליהם.

**חידוש: א זייער איידעלע טעות**

ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל די טעות איז א זייער איידעלע טעות, ווייל דאס אז זיי האבן א גרויסע השפעה אויף אונז איז אמת. די טעות געשעט ווען מ'זאגט, "אוקיי, וועגן דעם דארף איך זיי אליין דינען".

**דער רמב"ן'ס שליסל-ווארט: "סרסור"**

**"שלא תטו בהרהור עליהם לעבוד אלי לעשותם סרסור ביניכם ובין בוראכם"**, צו טראכטן אז די גרמי השמים, די מלאכים און צבאות, קענען זיין א סרסור, א שליח צווישן אונז און אונזער באשעפער. זיי קענען זיין, אבער אונז טארן מיר נישט... אז מ'זאל זיי נישט דינען וועגן דעם.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "להיות" און וואס איז דער חילוק צווישן סרסור און מלאך?**

אה, אפשר מיינט ער... אפשר האב איך נישט געטייטשט ריכטיג. איך טראכט יעצט א נייע זאך, איך האב קיינמאל נישט געוואוסט. וויאזוי טייטשט מען דעם פסוק "להיות באל זיי זענען"? ניין, "להיות" הייסט אנטו טראכטן אז זיי זענען. ניין, דאס איך ווייס נישט, ווייל זיי זענען דאך טאקע. דאס טייטשט א מלאך, זיי זענען דאך מלאכים. דער רמב"ם זאגט אלעס איז מלאכים. מלאכים טייטשט שליחים פון דעם אייבערשטן.

וואס טייטשט א מלאך א סרסור, וואס איז דער חילוק? אפשר מיינט ער צו זאגן אז מ'זאל נישט דינען, וויבאלד זיי זענען א סרסור זאל מען זיי נישט דינען.

**חידוש: דער חילוק צווישן סרסור "אראפ" און סרסור "ארויף"**

נאכאמאל, אבער זיי זענען א סרסור צו ברענגען פון דעם אייבערשטן צו דיר, אבער צוריק פון דיר צו דעם אייבערשטן קענסטו נישט זיי נוצן אזויווי זיי דאווענען. פארוואס דען? ווייל זיי זענען עובדי עבודה זרה.

די טעות איז ווען א מענטש גייט... אבער מיר האבן געזאגט אז מ'טאר זיי נישט דינען. אבער א סרסור... לאמיר טראכטן, לאמיר קלערן א רגע.

ניין, ער זאגט דאך אויף די ווערטער "לעבוד אותם". איך וויל טייטשן א נייע טייטש, איך האב קיינמאל נישט געוואוסט. לאמיר פרובירן א נייע טייטש, איך האב נישט געכאפט יעצט. לאמיר אים פרובירן ענטפערן, מיט אנדערע ווערטער, לאמיר פרעגן די ריכטיגע שאלה.

**קשיא: אבער מלאכים זענען דאך מעלה תפילות!**

די ריכטיגע שאלה, איך מיש זיך דא ווייל ס'איז דאך אמת, לאמיר זען וואס דער רמב"ם זאגט. יא? לאמיר טראכטן, ווען א מענטש... ווען דער אייבערשטער שיקט שפע פאר א מענטש, קומט עס נישט דירעקט, ס'קומט דורך די אלע מלאכים, די שרפים, וואס מיר האבן געלערנט אין פרק יסוד העבודה.

אזוי אויך ווען א מענטש דאוונט צו דעם אייבערשטן, יא? אויך גייט עס אדורך די אלע מלאכים הממונים, ס'שטייט אין די גמרא אז מלאכים זענען מעלה תפילות. ס'איז נישט קיין זאך וואס די צייטונג שרייבערס האבן איך ווייס איינער האט אויסגעטראכט, ס'איז דברים מפורשים אין די פסוקים אפשר אין געוויסע פלעצער. ווען א מענטש דאוונט, אויך איז דא מלאכים, וואטעווער די סדר איז, ס'גייט ארויף די תפילה.

**תירוץ: דאס איז נישט דיין פאקוס**

דאס איז נישט דיין פאקוס, נישט דיין עבודה, אבער ס'איז נישט קיין סתירה אז ער איז טאקע א סרסור.

**ראיה: משה רבינו איז אויך א סרסור**

ווייל משה רבינו, דער וואס זאגט אונז די **"השמרו לכם פן יפתה לבבכם"**, ער איז דאך אויך א סרסור. משה רבינו ווערט אנגערופן א סרסור צווישן דעם אייבערשטן און די אידן. אמת, אבער מ'דינט אים נישט, מ'טאר אים נישט דינען, ער איז א נברא.

**דיגרעסיע: שווערן בשם משה**

ס'איז דא אן אינטערעסאנטע זאך, אז דער רמב"ם זאגט אין א פלאץ אז דער מנהג ישראל איז צו שווערן בשמו של משה. הגם ס'איז דא אן איסור בשבועת שווא, מ'טאר נישט שווערן בשמו של עבודה זרה, אבער די גמרא זאגט "משה שפיר קאמרת", וואס טייטש "משה"? עס איז א לשון שבועה, איך שווער בשם משה. און ער זעט וואס אידן פלעגן טון אזוי.

זאגט דער רמב"ם, זאגט ער, איז נישט קיין פראבלעם, ווייל א איד אינעווייניג ווייסט אז משה איז עבד השם, משה איז נישט קיין גאט.

**משל: דער גבאי און דער רבי**

איך וועל געבן א קליינע וועג אזוי עס זאל אביסל פארשטיין, איך דארף וואטשן איך זאל נישט יעצט אליין... ווען מענטשן ווילן האבן א שייכות צו א צדיק, איך האב געהערט אמאל פון עפעס אן עושר, וואס איז אזא חברה'מאן, ער איז א קארגער עושר, האט ער מיר געזאגט אז מענטשן מיינען אז מ'וויל קענען ווערן נאנט, איך ווייס, לאמיר זאגן, צו ר' יעקב מאיר שעכטער, דארף מען יעצט האבן הונדערט טויזנט דאלאר און געבן אביסל פאר'ן גבאי, און נאר מ'וועט אריינטראגן א גרויסן טשעק. זאגט ער, "ניין, איך געב צען טויזנט דאלאר פאר'ן גבאי און דעטס איט."

דאס איז א מורא'דיגע חוצפה. יא? שטעל דיר פאר דער רבי ווערט געוואויר אז אנשטאט געבן געלט פאר'ן רבי, אנשטאט געבן כבוד, לאמיר זאגן, חס ושלום, רבי'ס דארפן נישט קיין געלט, אבער אנשטאט זיין "אינטו" דער רבי, איז מען "אינטו" דער גבאי. און מ'האט אויסגעפיגערט אז דער גבאי האט די כח, דער גבאי האט די שליסל, מ'דארף בכלל נישט זיין גוט מיט'ן רבי, מ'דארף נאר זיין גוט מיט'ן גבאי. דאס איז א מורא'דיגע חוצפה. יא?

**יישום דעם משל**

אקעי. איך זאג אים, דאס איז דערווארט, ווען ער דינט דעם מלאך, ווען ער זאגט... לאמיר זאגן אפילו, לאמיר זאגן לויט די וואס זענען יא מתיר, אז מ'זאל עפעס זאגן פאר'ן מלאך, "איך בעט דיך, מלאך, טראג אריין מיין תפילה צו דער אייבערשטער." האסטו נישט געדינט דעם מלאך, האסט סך הכל, דו ווייסט אז דער מלאך איז נאר א שליח. אבער דער מענטש הייבט אן טראכטן, "ווייסט וואס, פארוואס דארף איך מיר יעצט חנפ'ענען, כביכול, פארוואס דארף איך יעצט דינען דעם אייבערשטן? לאמיר דינען דעם מלאך." זייער גוט.

**דער רמב"ם'ס שטרענגערע שיטה**

לויט ווי איך פארשטיי, וואלט דער רמב"ם געזאגט אז ער זאגט די טייל קיין ספרד'ער, די פראבלעם איז ער זאגט... דער רמב"ם וואלט געזאגט, אפילו די מלאכים זאלן טון, ער זאגט נישט קיינמאל. דער רמב"ם, אנדערע ראשונים וואלטן געזאגט אז לויט'ן רמב"ם טוט מען נישט.

אבער דער רמב"ם וואלט געזאגט, דו זאגסט, דו שרייבסט אריין אין סידור אז מלאכים זאלן ברענגען די תפילה, דיינע קינדער וועלן שוין מיינען אז די מלאכים זענען די גאט.

אדער, לכאורה וואלט לויט'ן רמב"ם אפילו געווען ראנג ווען א מענטש זאגט, "איך שיק מיין תפילה, whoever זאל עס באקומען. איך ווייס נישט, איך קען נישט די סיסטעם דארטן אויבן, איך קען נישט די אייבערשטנ'ס באקומען." מ'טאר נישט! ניין, מ'דארף וויסן, איך דאווען צו דער אייבערשטער. ווער איז דער שליח? לאמיר זאגן, מ'מעג יא אדער מ'טאר נישט דערמאנען דעם שליח, אדער... יא.

אקעי. שוין, עד כאן איז דער ערשטער עיקר. אבער די זוהר איז זייער שיין און זייער גוט אין לשון.

**דיגרעסיע: קברי צדיקים לויט'ן רמב"ם**

אבער ביי קברי צדיקים איז דא די זאך, עס איז דא וואס זאגן אז מ'בעט דעם צדיק זאל מעלה זיין די תפילות. אבער אויב וויל מען אינגאנצן יוצא זיין לויט דעם רמב"ם, בעט מען ניטאמאל דאס, נאר מ'קען זאגן "בזכות פון דעם צדיק". איך רעד צו דעם אייבערשטן. דאס הייסט, אויך ביי דעם קבר רעדסטו נישט צו דעם צדיק, דו רעדסט צו דעם אייבערשטן, דו זאגסט "בזכות א צדיק". יא.

ווייל דער רמב"ם, מענטשן מיינען אז דער רמב"ם איז געווען קעגן קברים, אבער מ'זעט אז די אייניקלעך, דער רמב"ם'ס קינדער און אייניקלעך, מ'זעט אז קברים איז יא געווען... ניין, דער רמב"ם איז אליינס געגאנגען צו קברי אבות. אבער דער רמב"ם איז נישט מכחיש אז די זאכן זענען מקומות קדושים וכדומה. דער פוינט איז אז מ'דינט זיי נישט, פארקערט, אלע מקומות זענען לשם שמים, מ'דינט דעם אייבערשטן.

**חידוש: א נייער טייטש אין "להיותם סרסור"**

דער רמב"ם זאגט נישט דא... דא זאג איך, אפשר לויט די מהלך וואס איך כאפ יעצט, שטייט אפילו לויט'ן רמב"ם, מ'טאר נישט זאגן אז ס'איז אן איסור. מ'טאר נישט דינען דעם, ווייל ס'איז אן איסור. וואס מיינט דינען? **"לא תעבדו את ה' אלקיכם כן"**, ווייל **"ביושרם הם עובדים"**. **"להיותם"** מיינט זיי צו מאכן עובדים, אזוי קען מען זאגן. "להיותם" – לכאורה די צווייטע טייטש איז בעסער, אבער נישט קיין נפקא מינה.

**וואס מיינט "דינען"?**

אבער וואס טייטש דינען? דאס איז די נקודה. דער רמב"ם זאגט נישט דא, למשל... איך וויל זאגן איין זאך, וואס מיינט מ'רעדט דאך, מ'האלט אז זיי זענען... מ'האלט אז מ'גלייבט. באלד וועט דער רמב"ם גיין זאגן, מ'טאר אפילו נישט זאגן אז ער האט א כח, און וויל מען איז חושב שהוא אמת.

**וואס מיינט "מטיב ומריע"?**

איך ווייס שוין וואס דאס מיינט, שהוא מטיב ומריע. מיר האבן געלערנט דעם לשון נעכטן. סאו מ'טאר נישט גלייבן אז דער מלאך איז מטיב ומריע, אבער אז ער האט עפעס אן הנהגה... מ'דארף פארשטיין בעסער. מטיב ומריע מיינט אז ער איז בוחט וויאזוי צו מטיב זיין און מריע זיין. אקעי. נישט אז ער איז א פאקט. אין פאקט, דער וועטער איז אויך מטיב ומריע, יא? רייט, סאו מ'דארף פארשטיין בעסער. נאר די פייער האט נישט די דעת צו וויסן וויאזוי... מ'דארף פארשטיין בעסער.

וואס איז זיכער איז אז מ'זאל נישט טראכטן אז ער איז אינדעפענדענט, ווייל דאס איז די אמת, קיינער איז נישט אינדעפענדענט פון דעם אייבערשטן. און דאס גייט גורם זיין אז מ'זאל טראכטן דאס. אקעי. עד כאן איז די עיקר עבודה זרה.

---

## הלכה ג' – "אל תפנו אל האלילים"

יעצט קען מען לערנען נאך אן איסור וואס דער רמב"ם רופט **"אל תפנו אל האלילים"**. ס'איז איינע פון זיינע לאווין, רייט? ער רעכנט אין די אנהייב לאווין **"אל תפנו אל האלילים"**. קען מען עס לערנען נאך א לאו. יא.

**די חיבורים פון עובדי עבודה זרה**

דער רמב"ם זאגט אזוי, ער זאגט אז די מאסה... קודם כל רעדט ער פון די שבועות פון עבודה זרה. וואס איז דאס? ער זאגט אזוי, **"שבועות רבות חיברו עובדי עבודה זרה בעבודתה"**. וואס האבן זיי מחבר געווען? מיר האבן נעכטן געלערנט אז אויך אברהם אבינו... אבינו האט מחבר געווען ספרים אקעגן דעם. ס'איז געווען א גאנצע אינדוסטריע פון ספרים.

וואס איז געווען די חיבורים? **"היך עיקר עבודתה"** און **"מה משפטה ומה מעשיה"**, וויאזוי צו דינען עבודה זרה.

**חידוש: צוויי סארטן חיבורים**

לכאורה "עיקר עבודה זרה" מיינט ער אויך אזוי ווי מיר האבן געזען פריער, שורש עבודה זרה, דאס הייסט די טעאריע פארוואס דארף מען דינען עבודה זרה, פון וואו קומט די געטשקע, פארשידענע זאכן. "היך עיקר עבודתה", אפשר די ערשטע איז נאך געווען גוטע ספרים, ווייל ס'האט נאך געדענקט אז ס'איז דא א באשעפער.

**המשך הלכות עבודה זרה, פרק ב', הלכה א'-ב' – איסור ליינען ספרי עבודה זרה, קוקן אויף צורות, און מחשבות קעגן עיקרי התורה**

**הלכה א' (המשך) – איסור ליינען ספרי עבודה זרה און קוקן אויף צורות**

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

**"ספרים רבים חיברו עובדי עבודה זרה בעבודתה - היאך עיקר עבודתה, ומה משפטה ומעשיה. ציונו הקב"ה שלא לקרות באותן הספרים כלל, ולא נהרהר בה ולא בדבר מדבריה, ואפילו להסתכל בדמות הצורה אסור, שנאמר 'אל תפנו אל האלילים'."**

אבער ווי איז דא? נו, ס'קען זיין אז ווען ס'וואלט נישט געווען אזויפיל ספרים, זאגט דער רמב"ם, וואלט נישט געווען אזא גרויסע חורבן, ווייל ס'וואלט נאר געבליבן די ערשטע ספר פון דור אנוש, וואס דארט וואלט נאך געשטאנען אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אבער אפילו יענץ זאגט ער דארף מען נישט ליינען. ס'איז א טעות ווייל ס'האט זיך אזוי דערקייקלט. ווען מענטשן וואלטן נישט געווען אזוי סטופיד, איז אפשר וואלט נישט געווען קיין פראבלעם. בסדר, אין ריעליטי, איך וויל נישט זאגן אז מענטשן זענען סטופיד, מענטשן זענען געווען אזוי ארים אין זייער קאפ.

בקיצור, ווייל ס'איז דא די אלע ספרים, ווייל ס'איז דא די אלע ספרים, זאגט דער רמב"ם א חידוש, דו ליינסט דעם רמב"ם אין אידיש, דו קענסט עס געבן אין די ספרים. ויסן זאלסטו אז ס'איז דא אזעלכע ספרים. ס'פעלט נישט אויס, אפשר אנדערש איז דא, ווייל מ'זאל וויסן ווי ווייט מ'איז געווען. אבער ס'פעלט נישט אויס.

זאגט דער רמב"ם, **"צונו הקב"ה שלא לקרות באותן הספרים כלל"**, דער אייבערשטער האט געהייסן, דאס איז אן טעות אין די לשון, "צונו הקב"ה", די תורה האט אונז געהייסן, מ'זאל נישט ליינען אין די ספרים. **"ולא נהרהר בהם"**, מ'זאל נישט טראכטן פון די ספרים אדער פון די זאכן וואס שטייען אין די ספרים, טראכטן וויאזוי צו דינען די אלע כוחות, די מלאכים, **"ולא בדבר מדבריהם. ואפילו להסתכל בדמות הצורה"**, וואס מיר האבן נעכטן געלערנט אז נאכן דינען די כוכבים ומזלות האט מען אנגעהויבן מאכן צורות וואס זיי סימבאליזירן די כוכבים ומזלות, טאר מען אויך נישט אויף דעם קוקן.

אפילו דו קוקסט נישט ווייל דו ווילסט דינען אדער עפעס, דו פלעין קוקסט, ס'איז אן עתיק. ס'זעט אויס אז די צורה איז א גרויסע חורבן, איז די פלאץ ווען מ'מאכט די כוח פאר א פערסאנאליטי, אזוי ווי דו זאגסט נעכטן, אז ער ווערט פלוצלינג אונטער די מושג פון א מענטש, אז ער הייבט אן זיין מתה ומריצה, און מורא זעט אויך אויס ווי א מענטשליכע אטריביוט. אקעי.

**טייטש פון "אל תפנו אל האלילים"**

**"שנאמר, 'אל תפנו אל האלילים'"**, אויף דעם שטייט א פסוק: "אל תפנו אל האלילים", דו זאלסט נישט פונה זיין. פונה זיין מיינט נישט די דינען, פונה זיין מיינט צוויי זאכן לויט ווי דער רמב"ם האט יעצט געזאגט: סיי לערנען די ספרים, סיי קוקן אויף די צורה. ביידע דאס זעלבע ביי דיר.

יא, איך זאג אז "תפנו" מיינט זיך פונה זיין בלב, אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט אין הלכות נביאות אז ער דארף זיין לבו פנוי טראכטן פון עפעס, איז "אל תפנו אל האלילים".

**"פן תדרוש לאלהיהם"**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, און וועגן דעם זאגט נאך א פסוק: **"'פן תדרוש לאלהיהם לאמר איכה יעבדו'"**, דו זאלסט נישט אנהייבן קוקן אויף אנדערע דרכי עבודה פון עבודה זרה, טראכטן וויאזוי דינען זיי זייערע עבודה זרה. טאקע דער רמב"ם, **"אפילו לא תשאל על דרך עבודתה היאך היא"**, דו זאלסט נישט נאכפרעגן אויף די דרך פון עבודה, וויאזוי זיי דינען עס, **"אף על פי שאין אתה עובד"**, אפילו אויב דו גייסט נישט דינען די עבודה זרה, און נאר דו פרעגסט נאר נייגעריג צו וויסן וויאזוי מען דינט די עבודה זרה, איז דאס א גרויסע פראבלעם.

זאגט דער רמב"ם, פארוואס? **"שהדבר זה גורם להפנות אחריה"**, דו גייסט אליין אנהייבן מער און מער נמשך ווערן, **"ולעשות כמו שהם עושים"**, און בסוף וועסטו טון אזוי ווי זיי. **"שנאמר"**, אויף דעם שטייט א פסוק, נאכדעם וואס דו וועסט קוקן, **"'תדרוש לאלהיהם'"**, דו וועסט דורש זיין אין זייערע ספרים, **"'ואעשה כן גם אני'"**, וועסטו אנהייבן טראכטן "ואעשה כן גם אני".

**חידוש: יעדע סטעפ איז אן אייגענע איסור**

ס'איז זייער אינטערעסאנט. די פשוט'ע טייטש וואלט מען געקענט לערנען אז דער פסוק זאגט דו זאלסט נישט טון אזוי ווי זיי, און די וועג וויאזוי ער זאגט דו זאלסט נישט טון אזוי ווי זיי איז דו זאלסט נישט קוקן וויאזוי זיי טוען, אזוי וועסטו נישט נאכמאכן. דער רמב"ם האט צוגעלייגט דא, אפשר האט ער א... אפילו ווען דו הייבסט אן ליינען, טראכטסטו נאך נישט פון וועלן נאכמאכן. ניין, דאס זאגט דער רמב"ם. דער רמב"ם האט געטוישט. איינער, פשוט'ע טייטש, וואלט איינער געקענט זאגן אז דער פסוק מיינט נאר דו זאלסט נישט טון. דאס איז א לאנגע וועג פון זאגן דו זאלסט נישט טון. דער רמב"ם האט געלערנט אז יעדע סטעפ איז אן אייגענע איסור.

טאקע וויבאלד אז נאכדעם וואס דו ביסט פונה אחריה, אפילו דו פרעגסט סתם, "וואס, אינטערעסאנט, וואס טוט די עבודה זרה?", בסוף וועט ער... וואס מיינט דער רמב"ם דא צו זאגן? אז ס'איז אזא כח המושך?

**פארוואס איז דער כח המושך אזוי שטארק?**

ניין, זייער גוט, ווייל דער רמב"ם האלט דאך אז עבודה זרה איז נישט משוגע. ווען עבודה זרה איז משוגע, איז נישטא וואס צו קוקן. און אפילו היינט, אונז וואס אונז זענען שוין קלאר אז עבודה זרה איז משוגע, איז נישטא קיין שאלה. אבער אין ספרים רבותינו הראשונים, אמאל האבן דאך מענטשן זיך זייער שטארק נתפעל געווארן פון די סיפורים וואס די עבודה זרה זאגט. וואלסטו געקוקט, וואלסטו נמשך געווארן, ווייל זיי האבן געהאט גוטע סיפורים. ממילא זאגט די תורה, זאלסט אפילו נישט קוקן. זאל אפילו נישט לערנען די ספרים. פארוואס? ווייל די איסור איז א גדר, עס איז נישט אן איסור אליין, עס איז א גדר, ווייל בסוף טוט מען וואס זיי האבן געטון.

**נפקא מינה: דער רמב"ם אליין האט געליינט ספרי עבודה זרה**

פון דעם קען מען פארשטיין אז אויב איינער לערנט עס טאקע נאר, אזוי ווי דער רמב"ם אליין האט עס געלערנט כדי צו פארשטיין די היסטאריע, סתם פאר היסטאריע, האט ער נישט קיין חשש, פער סעי, קיין איסור. דער איסור איז באופן וואס איז גורם לעשות כמו שהם עושים. ער ברענגט צו אין פירוש המשניות און נאך פלעצער, ער שרייבט דער רמב"ם אליין אז ער האט געליינט ספרי עבודה זרה, אבער ער האט עס געליינט באופן המותר צו פארשטיין וואס זייערע טעותים איז געווען.

**דיון: פארוואס ברענגט דער רמב"ם "בדמות הצורה" דא?**

בכלל, ס'קען זיין בכלל אז היינט וואס ס'איז נישטא עבודה זרה... לכאורה די גרויסע כח המושך דערפון איז די זעלבע סיבה אזוי ווי דער רמב"ם האט געשריבן פארדעם, ווייל ס'איז שווער פאר א מענטש צו דינען פאר א דבר מופשט. מ'וויל יא האבן א צורה, די אלע זאכן האבן דאך א צורה. און אין דעם קען זיין זאגט מען עס גלייך נאך די וואס מ'האט געמאכט די בדמות הצורה. ס'איז גרינגער צו דינען עפעס וואס מ'קען זען, עפעס וויזשועל.

איך מיין, איך דענק, דער רמב"ם זאגט בדמות הצורה איז ווייל ס'איז דא א גמרא. אויף צו קוקן ספרים איז נישט געווען ריכטיג דא קיין גמרא וואס אסר'ט עס, אבער די הסתכלות בדמות הצורה שטייט בפירוש אין די גמרא אז ס'איז אסור וועגן "אל תפנו אל האלילים". סאו ער קאנעקט די צוויי זאכן. אבער דער רמב"ם זאגט נישט אז די פראבלעם איז די וויזשועל. דער רמב"ם

זאגט אז ס'איז א פסוק מפורש, ס'איז נישט אויסגעפינען אין די תורה. יא, ער זאגט א טעם.

**"בכלל הלאוין" – אלע לאווין זענען איין איסור**

זאגט דער רמב"ם, **"בכלל הלאוין 'אלה אלהיך', 'אל תפנו', 'ונשמרתם לנפשותיכם', 'ופן תדרוש', איז אלס איין לאו, איין איסור, שלא יפנה אחר עבודה זרה"**, מ'זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט, מ'זאל נישט נאכגיין עבודה זרה.

זאגט דער רמב"ם, **"כל הפונה אחריה בדרך שעושין בה מעשה"**, אויב איינער איז עובר אויף דעם און ער האט זיך יא פונה געווען נאך די עבודה זרה, אבער ער טוט עס מיט א מעשה, וואס דאס מיינט, אויב ליינט מען נאר אן קיין מעשה, איז עס א לאו שאין בו מעשה, באקומט מען נישט קיין מלקות, ס'איז נאר א לאו. אבער אויב טוט מען יא א מעשה, למשל איך ווייס, מ'קויפט די בוק און מ'עפנט די בוק, ס'איז דאך א מעשה, איז יא דא מלקות.

**דיון: וואס איז א "מעשה" אין דעם קאנטעקסט?**

סאו אין אנדערע ווערטער, וואס ער וויל אונז דא זאגן איז לכאורה, א מענטש וואלט ווען געקענט טראכטן אז ס'איז א לאו שאין בו מעשה, ווייל דו קויפסט עס נאר פאר הכנה אדער וואס, דאס הייסט די ליינען און די מחשבה איז שאין בו מעשה. אבער אזוי איז אז אויב מ'טוט עס מיט א מעשה איז מלקות.

מען זאגט אדער געוויסע לאו וואס הייסט אייביג א לאו שאין בו מעשה? וואס וועגן קען דא טראכטן אז דער איסור איז דאך דער טראכטן, דער בוק איז דאך נאר א פתח עוון, אבער דער רמב"ם זאגט נישט אזוי, ער זאגט אז אויב טוט מען עס באופן ס'איז דא א מעשה באקומט מען מלקות.

ניין, דער איסור איז קוקן אין די בוק. פארוואס זאגסטו אז דער איסור איז דער טראכטן? דער איסור איז קוקן אין די בוק. קוקן אין די בוק, ווייל ווען איינער קוקט אין די בוק און ער ליינט די אותיות אן פארשטיין וואס דאס מיינט, דארף האבן די צוהי פנים צו קוקן אין די בוק, לויט ווי מיר האבן גע'טענה'ט. ס'איז נישט קיין חילוק, אבער צו קוקן אין די בוק איז דער איסור, דאס איז "לא תפנו אל האלילים".

דער איסור איז נישט צו טראכטן, דער נעקסטע איסור איז אביסל צו טראכטן לחלוטין, אבער קוקן אין א בוק איז אן איסור. ווייל "תפנו" מיינט נישט טראכטן, "תפנו" מיינט פונה זיין אהין. מ'קען אפילו זאגן קוקן אין די בוק, קוקן די פיקטשערס אן ווייסן וואס ס'מיינט. דער איסור איז אין די עבודה זרה של בוים.

יעדע איסור אין די וועלט קען מען טון אן ענליכע פעולה וואס איז נישט די זעלבע פעולה, ס'איז נישט די פראבלעם. דער איסור איז דא וואס מ'קען טענה'ן, דער רמב"ם איז מסכים אז ס'קען זיין בלי מעשה, אבער ס'קען זיין במעשה, און דער איסור איז די מעשה.

**הלכה ב' – איסור מחשבה וואס איז עוקר עיקרי התורה**

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"ולא עבודה זרה בלבד הוא שאסור לפנות אחריה במחשבה"**. זאגט דער רמב"ם אזוי, איינמאל מיר האבן דא געלערנט וואס עבודה זרה איז, און די גרויסע איסור פון האבן מחשבות וואס טראגט צו עבודה זרה, זאגט דער רמב"ם א גרויסע יסוד. איינמאל מיר פארשטייען אז ס'איז דא אזא גרויסע איסור אין מחשבה אליין, אז אפילו אז די עבודה איז גליבן אין אייבערשטן, יעדע זאך וואס נעמט אוועק פון אמונה אין אייבערשטן איז אזוי הארב. וואס ער קען גורם זיין, נישט וואס ער נעמט אוועק. וואס ער קען גורם זיין, וואס איז אזא סארט זאך? למשל ליינען די ביכער, אמאל מאכט זיך אז ער הערט גייט צו עבודה זרה. ענליך צו דעם איז דא אויך די אנדערע חלקים.

**"כל מחשבה שגורמת לו לאדם לעקור עיקר מעיקרי התורה"**, יעדע מחשבה וואס איז גורם פאר א מענטש עוקר צו זיין איינע פון די עיקרי התורה וואס מיר האבן שוין געלערנט אין הלכות יסודי התורה - ער מיינט די פיר עיקרים, און מיר וועלן זאגן אזוי קלאר וואס ער רעדט אויף מליני ביאת המשיח, ער רעדט פון עיקרים פון יסודי התורה - **"מוזהרים אנו שלא להעלותה על לבנו"**, מיר זענען געווארנט אויף דעם שלא להעלותה על לבנו, מיר זאלן נישט ארויפברענגען די מחשבה אויף אונזער הארץ, מיר זאלן נישט אזוי ווי פאוקוסן אויף די מחשבה, **"ולא נסיח דעתנו לכך"**, און זאלן מיר נישט לאזן אונזער דעת אוועקגיין פון די אמת, פון וואס אונז ווייסן יא, און נאכקריכן נאך די פאלשע מחשבות, **"ונחשוב, ונמשך אחרי הרהורים"**. זאלן מיר נישט לאזן נאכגיין די הרהורים.

**קשיא: ווי קען מען אסר'ן מחשבה ווען ס'איז דא א מצוה צו טראכטן?**

פארוואס? זאגט דער רמב"ם, וואס זענען די פראבלעם? איינער קען דאך טראכטן, ס'איז דאך נאר א מחשבה, וועט ער קומען צוריק. און דער רמב"ם, דאס איז די קשיא וואס ער פרעגט, דער אייבערשטער פרעגט דאך, דו האסט דאך א מצוה צו טראכטן. דער רמב"ם זאגט דאך אז ס'איז א מצוה "לידע שיש שם מצוי ראשון", דו דארפסט דאך ווייסן, דו דארפסט טראכטן, נישט אפשר יא, אפשר נישט. דו דארפסט דאך טראכטן. נו, וויאזוי קען איך זאגן אז דו טארסט נישט טראכטן וועגן דעם? דו האלטסט דאך אז ס'איז א מצוה פון חקירה, א מצוה פון טראכטן.

**תירוץ: "דעתו של אדם קצרה"**

דער תירוץ איז, פארוואס? ניין, **"לפי שדעתו של אדם קצרה"**, א מענטש'ס דעת איז נישט אזוי שטארק, ס'איז קורץ. דעת פון רוב מענטשן מיינט ער. **"ולא כל הדעות"**, נישט אלע דעות, דא מיינט ער דעות אדער מיינט ער מענטשן? מענטשן. נישט אלע בעלי דעות, נישט אלע מענטשן'ס דעת, **"יכולת להשיג אמת על בוריו"**, קענען אנקומען צו די גאנצע אמת, די עומק פון די אמת.

ממילא, **"ואם ימשך כל אדם אחר מחשבות לבו"**, אויב מ'וואלט ווען געזאגט אז יעדער איינער מעג טראכטן עניטינג כדי ער זאל אנקומען צו די אמונה, און צום סוף איז ער שוין אנגעקומען, ער טראכט אויך שטותים, ער טראכט אויך די שקרים, און ער איז צום סוף אנגעקומען, איז דאס נישט. פארוואס? ווייל אסאך מענטשן האבן נישט די כוחות. אפשר קען זיין אז געוויסע מענטשן האבן די כח צו טראכטן אויך פון די הוי אמינות, פון די שקרים, און צוריקקומען צו די אמת, אבער אסאך מענטשן, זיי בלייבן סטאק ביי די שקרים און זיי וועלן מיינען אז דאס איז די מסקנה.

**טייטש פון "מחריב את העולם"**

**"נמצא מחריב את העולם לפי קוצר דעתו"**. א מענטש, איך האב געמיינט מחריב את העולם מיינט א מענטש האט מחריב זיין זיין ווארלד-וויו, זיין עולם. ער מיינט מחריב את העולם ווייל זיינע קינדער גייען נאכגיין אזויווי אים, און זיי וועלן זיין אנוסים.

נאכאמאל, אויב יעדער איינער, די דגוש דא איז אויף "כל אדם", אויב יעדער איינער וועט אויפקומען יעדן טאג מיט א נייע רעליגיע, מיט א נייע אמונה, לפי קוצר דעתו, רוב מענטשן זענען דאך טיפשים, חס ושלום טיפשים, אבער קורצע דעת, וועט די וועלט משוגע ווערן. יעדער איינער וועט האבן זיינע צען טויזנט רעליגיעס א טאג, ווייל יעדער איינער גייט גיין זיין דרך. דאס איז וואס דער רמב"ם טייטשט "מחרב את העולם". "מחרב את העולם" מיינט די סאשעל עולם, די עולם בין אדם לחבירו וועט חרוב ווערן, נישט די וועלט, די ביימער און די הייזער. עס מיינט די סאשעל וועלט, די מדינה, יא, די ישוב העולם. "מחרב את העולם" איז עפר מישוב העולם, רייט? די ישוב וועט חרוב ווערן, ווייל יעדער איינער גייט גיין "לפי חוזק דעתו".

און דער רמב"ם געבט א דוגמא וויאזוי דאס גייט זיין. **"כיצד?"**

## הלכות עבודה זרה, פרק ב', הלכה ב'-ג' – "מחריב עולם", דער איסור פון טראכטן אן לאדזשיק, און "מצות עבודה זרה כנגד כל המצות"

**הלכה ב' (המשך) – "מחריב עולם" און דער איסור פון טראכטן אן סדר**

**דער רמב"ם'ס ווערטער: "פעמים יתור אחר עבודה זרה..."**

די וועלט וועט מארגן יעדער איינער האבן צען טויזנט רעליגיעס א טאג, ווייל יעדער איינער וועט גיין לויט זיין דרך. דאס איז וואס דער רמב"ם טייטשט **"מחריב עולם"**. מחריב עולם מיינט די סאציאלע עולם, די עולם פון בני אדם וועט חרוב ווערן, נישט די וועלט, די ביימער און די הייזער. עס מיינט די סאציאלע וועלט, די מדינה, יא, די ישוב העולם. מחריב עולם רעדט מען דאך פון ישוב העולם, רייט? דער ישוב וועט חרוב ווערן, ווייל יעדער איינער וועט גיין לפי כח הדעת.

און דער רמב"ם גייט א דוגמא וויאזוי עס גייט זיין.

קייצת, וויאזוי גייט א מענטש לאזן בלאנדזשען אויף שלעכטע מחשבות? ער זאגט, **"פעמים יתור אחר עבודה זרה"**. זיינע פאלשע מחשבות, זיינע פאלשע מחשבות גייען אים טראגן צו עבודה זרה, און פארכטן פון דינען. ער לייגט אראפ די ווישי-וואשי מענטשן גייען ווערן, ווייל יעדע מינות וועט ער זיין אנדערש.

**"פעמים יחשוב ביחוד הבורא, אם הוא או אינו"**. אמאל גייט ער ארייקלערן אין די ענינים פון יחוד הבורא, ער גייט האבן ספיקות דערין, ער גייט טראכטן, איז שוין מהו, איז עס יא דא איין באשעפער, אדער אפשר נישט.

**"למעלה למטה"**, ער גייט טראכטן וועגן **"למעלה למטה, לפנים לאחור"**.

### "למעלה למטה" — דער רמב"ם'ס פירוש אין די משנה

דער רמב"ם שמועסט אויס וואס פונקטליך די מחשבות מיינען. ער זאגט דאס איז די אלטע לשון, ס'איז א ספעציעלע לשון פון די משנה. און אין די משנה שטייט דארט, דארף מען דערמאנען וואס דער רמב"ם זאגט אויף יענע משנה. אין די משנה שטייט, **"וכל שלא חס על כבוד קונו, ראוי לו שלא בא לעולם"**. אויף דעם וועסטו טראכטן **"למעלה למטה, לפנים לאחור"**.

דאס זאגט דער רמב"ם, וואס טייטשט **"כבוד קונו"**? **"כבוד קונו"** איז א שכל. זיינע טראכט זאכן וואס ער קען נישט פארשטיין, דאס רופט ער זיין שכל. און ממילא, **"ראוי לו שלא בא לעולם"**. דאס איז וואס ער זאגט דא, ער מאכט חרוב זיין עולם, ווייל ער פארשטייט נישט, ער פארדרייט א קאפ.

ניין, מ'דארף טראכטן, ווייל "למעלה למטה" איז דאך לכאורה דאס וואס דער רמב"ם האט אונז אויסגעלערנט, אז למעלה איז דער באשעפער און למטה זענען די גלגלים און די כוכבים. ס'איז נישט אז מ'זאל נישט טראכטן, ס'איז נישט אז ס'איז א סתירה מיט יחוד הבורא. ניין, ניין, דאס איז נישט א סתירה. דאס קען זיין אז דו ביסט גערעכט אז דאס מיינט. איך ווייס נישט וויאזוי דער רמב"ם טייטשט די ווערטער.

אבער על כל פנים, די פראבלעם דא איז אז ער טראכט אן קיין שכל. ער גייט, יעדער מענטש, די איסור דא איז אויף די כל אדם, ער טראכט זיך א גאנצע טאג זאכן וואס ער האט נישט די כלים און די כח צו טראכטן. דאס וועט ער גיין אויספירן, דער רמב"ם.

### "ואינו יודע מדות שידון בהם" — מדות מיינט לאדזשיק

**"ופעמים יחשוב בנבואה, אם היא אמת או אינה. ופעמים בתורה, אם היא מן השמים או אינה. ואינו יודע מדות שידון בהם"**. ער ווייסט נישט... דער מדרש מיינט צו זאגן ער האט נישט די כלים, די טולס, מיט וואס זיך צו מתבונן זיין אין דעם. אטש איינער וואס איז א מתעל בריאות, ווען ער וועט זיך מתבונן זיין, וועט ער ארויסגיין צו מינות.

זעט מען זייער קלאר, די פראבלעם איז אז רוב מענטשן ווייסן נישט, האבן נישט געלערנט לאדזשיק. מדות יהודה מיינט בעיסיקלי לאדזשיק. און רוב מענטשן רעדן נישט לאדזשיק, ער וועט אריינטראכטן, ער טראכט אהער, ער טראכט אהין, און דעמאלטס וועט ער פארדרייען א קאפ.

### דער חילוק: טראכטן מיט מדות טובות קעגן טראכטן אן סדר

אבער דאס קען דאך מיינען אזוי ווי א סייז, ווען ער לייגט עס אין א כלל, ער זאגט דאס ווייס איך פון די באשעפער, יעצט גיי איך אריינטראכטן אין דעם, למשל דאס וואס דער רמב"ם האט געברענגט אין יסודי התורה, אז דאס זענען די מדות, אין דעם אריינטראכטן וויאזוי דער רמב"ם האט אונז אויסגעלערנט טראכטן, דעמאלטס איז גוט. אבער אויב גייסטו טראכטן אן קיין טולס, אן קיין ריכטיגע טולס, וויאזוי נישט צו לאזן בלאנדזשען נאך דיינע מחשבות, איז ווי דער רמב"ם.

מדות יהודה מיינט די מדות אזויווי מדות התורה, די מדות פון שכל. וויאזוי איז די שכל? וואס איז א פרוף? וואס איז נישט א פרוף? און ס'איז זייער קלאר דא אז דער רמב"ם איז מסביר אז די פראבלעם איז אז רוב מענטשן האבן נישט געלערנט לאדזשיק. רוב מענטשן האבן נישט קיין שכל, ס'איז אן ארבובא זאך. זיי האבן נישט די ריכטיגע וועג, זיי ווייסן נישט וואס הייסט א גוטע ראיה, וואס הייסט נישט קיין גוטע ראיה, און ממילא וועט ער ארויסגיין צו מינות. אבער איינער וואס ווייסט יא די מדות יהודה, ביי אים איז דאס א ודאי א מצוה.

איז נישט דאס די איסור בכלל. די איסור איז צו טראכטן אויף אן אופן וואס איז נישט קלאר, וואס איז נישט אמת. די איסור איז נישט צו טראכטן וועגן יחוד השם, די איסור איז נישט צו מאכן זיין קלאר. די איסור איז צו טראכטן אחר מחשבות לבך, נישט אחר השכל הישר, נמשך ווערן אחר הרהורי הלב, משוטט זיין נאך די הרהורי הלב.

### דער מקור אין תורה: "ולא תתורו אחרי לבבכם"

אבער דאס ברענגט ער, אבער ווי שטייט דאס אין די תורה? **"אל תפנו אל האלילים"** רעדט מען פון עבודה זרה. ווי רעדט מען פון אלע אנדערע זאכן? ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. איך מיין אז א מענטש וואס לעבט צווישן מענטשן אזויווי אונז, וואס ער האט געלערנט ספרים וואס זאגן יא די אמת, ער טאר נישט משוטט זיין נאך די... ער טאר נישט סתם בלאנדזשען נאך זיין דעת.

### קשיא: אברהם אבינו האט דאך געבלאנדזשעט?

פאר אברהם אבינו האט די בלאנדזשען דאך יא געברענגט גוטע זאכן. אלע מענטשן ארום אים האבן געטראכט שלעכט, און ער האט געבלאנדזשעט אין זיין דעת.

איך בין נישט מסכים בכלל, ווייל אברהם אבינו האט געטראכט גראד. אברהם אבינו האט קודם אויפגעוויזן אז מ'איז משוטט צוזאמען מחשבות. ס'שטייט דא אן איסור צו טראכטן אומקלאר. אבער פאר אן עובד עבודה זרה איז אויך נישטא קיין איסור צו טראכטן, נאר ס'וועט אים אויפקומען מיט א גרעסערע שטות.

די אידעאל פון אברהם אבינו איז אנקומען צו די אמת איז ווייל ער האט יא געוואוסט די מידות טובות, און ווען ער וואלט נישט געוואוסט די מידות, ער וואלט נישט געקענט האבן קיין איסור, ער וואלט נישט געקענט האבן קיין תורה. איך מיין, ס'מאכט נישט קיין סענס, אבער ער וואלט שוין געקומען צו די אמת אויך נישט. די רמב"ם'ס פראבלעם איז די מענטשן וואס גייען טראכטן אן קיין סדר, אן קיין לאדזשיק, זיי טראכטן אין די וועלט אריין.

און דאס העלפט נישט. דו קענסט זאגן ס'קען נישט ווערן ערגער? מ'קען יא ווערן ערגער. פערפעקט, מ'קען אלעמאל ווערן ערגער. דער רבי האט געזאגט, אוועקגיין פון די שכל איז נישט קיין אמת. אבער מ'קען נישט אנקומען צו די אמת אן קיין מידות טובות. ווער קען אנקומען צו די אמת? ער איז א paranoid פארשוין, ער זאל קענען אנקומען צו די אמת? ער איז איינער וואס איז אויסגעשטעלט אביסל אין די נפש אביסל... ער איז נישט מסודר'דיג, ער האט נישט קיין סדר אין די כוחות הנפש.

אברהם אבינו האט געהאט גוטע כוחות. ער האט געקענט זיך אוועקזעצן און טראכטן. ער האט געזען אז ער וויל ארויפגיין א סטעידזש און געווינען צוטרוי מיט זיינע ארומיגע.

### "ולא תתורו אחרי לבבכם" — דער ברייטערער מקור

די רמב"ם זאגט, ער ברענגט, וואו שטייט דאס אין די תורה? יא, ס'איז געשטאנען, פריער איז געשטאנען נאר וועגן אלילים. וואו שטייט אין די תורה אז מ'זאל נישט, "אל תפנו", רעדן פון עבודה זרה? מיר ווייסן אז ס'איז אויך די שאלה אן אריינברענגען עבודה זרה אין די חשבון, נאר טראכטן וועגן ענייני יסודי הדעת, די עיקרי הדת, די עיקרי די אמונה.

זאגט ער, וואו שטייט דאס? **"ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם"**. כלומר, **"להמשך כל אחד מכם אחר דעתו הקצרה, אשר אתם זונים אחריהם"**, מיינט די זאך, בלאנדזשען נאך דיין דעת, **"וידמה שמחשבתו משיגת אמת"**. ער טראכט אז אפילו ער האט נישט קלארע כללים און ער גייט נישט נאך די אמת, זיין דעת, זיין שכל, וועט אליינס אנקומען צו די אמת.

### חידוש בדרך דרוש: אפילו ווען ס'איז אמת, אבער די סברא איז שטותים

איך מיין, איך וועל זאגן א חידוש בדרך דרוש, אז אויב איינער טראכט אז ער האט עפעס א בעסיק סברא, ער מיינט ער פארשטייט אז ס'איז דא א באשעפער ווייל ער האט עפעס א בויך סברא, דאס איז אויך די איסור פון "ולא תתורו". איינער זאגט, ער טראכט, "וואס שטייט אין די תורה איז א גראדע סברא". באמת, אויב איינער זאגט סתם, "איך פארשטיי אליינס", ווייל ער בויעט אויף עפעס א נארישקייט, איז ער עובר אויף "ולא תתורו", לויט די רמב"ם'ס פשט פון "ולא תתורו". ווייל **"ידמה לו שמחשבתו משיגת אמת"**. ס'שטייט נישט "ידמה לו שמחשבתו משיגת אמת" און ס'איז נישט אמת. אפילו ווען ס'איז גראדע יא אמת, אבער זיין סברא איז שטותים.

ס'איז נישט מער ווי דאס, אז ס'איז אמת, אז ס'איז אן ענין פון אוועקגיין פון די שכל. א מענטש טראכט within די וויסנשאפט און די תורה, דארט ער טרייט דאס פארשטיין און נישט פון דרויסן. אז ער רעדט יא וועגן דעם, דער רמב"ם רעדט וועגן דעם, מ'זאלסט נישט טראכטן אן קיין סדר. איך זאג דאס נאר, איך ווייס נישט אויב ס'איז הלכה, איך זאג דאס נאר צו קלארמאכן אז דער רמב"ם'ס איסור איז צו טראכטן צומישט. דער רמב"ם'ס איסור איז נישט צו אוועקגיין פון דער תורה. זיינע מידות שהודים ווען מ'וויל זיין "within limited", דאס איז נישט וואס ער זאגט. "Within שכל", נישט "within" נאר לויט אמונה זאל מען טראכטן, דאס שטייט נישט אין רמב"ם. ס'שטייט אין רמב"ם מ'זאל טראכטן קלאר, נישט די דמיונ'דיגע מחשבות משיגות האמת.

### דער משל פון "קו הצדק" – אמת איז שמאל, שקר איז unlimited

אמת. ס'איז דא אסאך מענטשן וואס ער האלט ער האט אמונה ווייל ער האט עפעס א בויך-שפארע גע'חלומ'ט. ס'איז א שניידיגע בויך-שפארע. איך טראכט א וועג וויאזוי דאס מסביר צו זיין. דער עולם האט פריער געזאגט אז אברהם אבינו האט געטראפן דעם קו הצדק. ס'איז א קליינע ליין! אמת איז אין קליינע ליין! שקר איז "unlimited"! און "fantasy","imagination"" איז זייער גרויס. ווען א מענטש לאזט זיך בלאנדזשען נאך זיין שכל, די טשענס אז ער זאל פונקט אנקומען צו דער שמאלע קו הצדק איז זייער קליין. ווייל ער מוז דאך נאכגיין... ס'איז אוממעגליך, ווייל דער קו הצדק איז נישט קיין פלאץ פלוצלינג וואס מ'קומט אן. מ'קומט נאר דארט אן ווען מ'טראכט מיט שכל. ס'איז נישט אפילו דא קיין טשענס.

ווען מ'גייט נאך די מידות שהודים, מ'לערנט די רמב"ם אין יסודי התורה, מ'לערנט די ספרים וואס לערנען אונז אויס טראכטן די גוטע וועג, וועט מען בעסער און בעסער פארשטיין. אבער איך מיין דאס איז די בלאנדזשען נאך די שכל, **"אשר אתם זונים אחריהם"**, דאס איז וואס מ'בלאנדזשעט נאך. כדאמרי חכמינו, **"אחרי לבבכם" זו מינות, "ואחרי עיניכם" זו זנות.**

### "אחרי עיניכם זו זנות" – פארוואס ברענגט דער רמב"ם דאס דא?

אקעי, סאו מ'דארף וויסן ווי דער רמב"ם איז מסביר די חלק פון זנות. דאס איז לכאורה א לב. לכאורה... ס'איז אן אנדערע נושא. ער ברענגט דארט די מאמר חז"ל בשלימות. לכאורה זנות קומט נישט דא אריין. זנות איז אן אנדערע איסור. אבער ס'איז אינטערעסאנט אז מינות און זנות לייגט מען אז ביידע איז אזויווי עפעס וואס די "fantasy" איז זייער שטארק. אבער ס'איז נישט... איך מיין נישט אז ער מוז. ער ברענגט פשוט א מקור אז "לבבכם", דער איסור איז דא א מקור.

ס'איז געווען אנדערע פלעצער וואו "אחרי עיניכם" האט דער רמב"ם געמיינט מינות? יא, "ולא תתורו" האב איך געזאגט פון "והיה לכם". "ולא תתורו", א מינוט צוריק, יא? **"ולא תתורו אחרי לבבכם"**. דאס האב איך געטראכט וועגן די תתורו. אבער מסתמא איז נישט דאס די עיקר מקור דא. מסתמא דאס איז פשוט. ער ברענגט דאך די לשון דא, יא.

### "גורם לאדם לטורדו מעולם הבא" – אן מעשה?

זאגט דער רמב"ם, **"ולא זו בלבד, אלא שזה גורם לאדם לטורדו מעולם הבא"**. די לאו פון נאכגיין די דמיון, אפילו ס'איז זייער הארב, ווייל די הארבסטע זאך איז גורם לאדם לטורדו, אוועקשלעפן אים פון עולם הבא, פון די אמת, פון די דעת וואס לעבט אויף אייביג, פון די עולם הבא. אבער ס'דארף דאך זיין א מעשה, ס'דארף זיין א מלקות. דא איז שווער צו זאגן אויב דו טוסט מיט עפעס א מעשה.

דאס איז נישט מעגליך. ס'איז מעגליך, יא. די פריערדיגע לאו איז צו גיין נאך די לעצטע. קענסט טון מיט א מעשה, קענסט טון מיט א מעשה. אבער דא, די איסור איז צו טראכטן. די איסור איז צו טראכטן קרום. דער רמב"ם איז מסביר, דא איז די איסור צו טראכטן אן לאדזשיק. ווער ס'האט נישט געלערנט לאדזשיק, ער איז עובר מיט די רייזע צו טראכטן.

### דיסקוסיע: לערנען ספרים – וואס איז דער איסור?

און אויך, אפילו א מענטש האט זיך געדאכט ער וועט קויפן א ספר, וועט ער זיכער זיין גוט, אבער ער קען דאך אויך אריינפאלן אין איינע פון די שלעכטע ספרים.

אקעי, אבער די איסור איז נישט צו קויפן די ספר, אקעי? די איסור איז צו טראכטן. סאו מען מוז קויפן די ריכטיגע ספר און טראכטן די ריכטיגע מחשבות. א גרויסע עבודה, דאס איז נישט פשוט.

ניין, ריכטיגע ספרים וואס מען טראסט שוין, איינער קויפט א אידישע ספר, ער לערנט מיט בחינת אמונה, ער לערנט בקבלה. דאס איז נישט קיין פראבלעם, דאס איז נישט קיין עבירה זיכער נישט. אקעי.

---

### הלכה ג' – "מצות עבודה זרה כנגד כל המצוות כולן"

**דער רמב"ם'ס ווערטער**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, "עד כאן" איז די הגדרה. יעצט גייט דער רמב"ם די לעצטע נעקסטע פאר הלכות רעדן וועגן די חומר פון עבודה זרה, ווי הארב ס'איז, און אויך ווי ס'איז דאס דער יסוד. און אויך די גדר, וואס איז די גדר פון א עובד עבודה זרה. אבער דאס איז דאך אויך אויפגעבויט אויף דעם, ווייל עבודה זרה איז דער יסוד. מען ווערט אויס איד ווען מען גלייבט נישט אין עבודה זרה, און אנדערע ווערטער.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"מצות עבודה זרה היא כנגד כל המצוות כולן"**. די מצוה פון איסור עבודה זרה איז אזוי הארב ווי אלע אנדערע מצוות צוזאמען, אדער ס'האט א השפעה אפשר אויף אלע אנדערע מצוות.

שנאמר, ס'שטייט אז ווען א מענטש איז עובד עבודה זרה, קען ער נישט טון אלע אנדערע מצוות, ער גייט נישט טון אלע אנדערע מצוות. שנאמר, **"וכי תשגו"**, אפילו ער איז א שוגג, **"ולא תעשו את כל המצות האלה אשר דבר ה' אל משה"**, שטייט די פסוק אין פרשת שלח.

סאו, **"ומפי השמועה למדו שבעבודה זרה הכתוב מדבר"**, אז די פסוק רעדט פון עבודה זרה, און די תורה רופט עס אז ס'איז כל המצוות, ווייל עבודה זרה איז אזוי הארב ווי כל המצוות. עס הייסט מפי השמועה למדנו, אז די הלכה רעדט זיך נישט סתם פון א טעות בשגגה, יעדע עבירה ברענגט מיט די יסורים.

זעט מען פון דא, ווייל **כל המודה בעבודה זרה**, איינער וואס איז מודה בעבודה זרה, עס האט א לשון מודה בעבודה זרה, אזוי איז די לשון חז"ל, אבער...

### הלכה ג' (המשך) – "כל המודה בעבודה זרה כופר בכל התורה כולה"

### דער רמב"ם'ס ווערטער און די לשון "מודה" און "כופר"

סאו, און פיה"ש מלמד שעבודה זרה קשה ועוברה על כל המצוות. דהיינו, דער פסק רעדט פון עבודה זרה, און די תורה רופט עס "כל המצוות", ווייל

עבודה זרה איז אזוי הארב ווי כל המצוות. און פיה"ש מלמד, דאס הייסט, פיה"ש מלמד אז די הלכה רעדט זיך נישט סתם פון א טעות בשוגג, יעדער עבירה ברענגט פון א טעות.

און ער זאגט דארט א געוואלדיגע זאך, אז **"כל אשר צוה ה' עליכם ביד משה"**, פון יעצט ביז אייביג, זעט מען פון דא אז **"כל המודה בעבודה זרה"** - איינער וואס איז מודה בעבודה זרה, ס'איז דא א לשון "מודה בעבודה זרה", אזוי איז די לשון חז"ל, אבער ער מיינט צו זאגן איינער איז מודה אז ס'איז דא נאך אן עבודה, יא, **"כופר בכל התורה כולה"**.

די לשון חכמים איז נישט אז ער האט א מין אמונה, ער גלייבט. זייער ווארט איז "הודאה" און "כפירה", יא, א מודה איז א כופר. ער איז מסכים אדער נישט מסכים. ער איז מסכים צו עבודה זרה, כפירה איז די אפאזיט פון הודאה, אזוי ווי אין תפילת מודים, א כופר איז איינער וואס איז נישט מודה. מודה במציאות כוחו ורצונו.

**"כל המודה בעבודה זרה כופר בכל התורה כולה, ובכל הנביאים, ובכל מה שנצטוו הנביאים מאדם ועד סוף העולם, שנאמר 'ביד משה'"**. ער מיינט צו זאגן אלע נביאים מאדם ועד סוף העולם, שנאמר **"מן היום אשר צוה ה'"**. ניין, ס'איז דא צוויי פסוקים. ס'שטייט **"אשר כל אשר צוה ה' עליכם ביד משה"**, און נאכדעם שטייט "דאס איז אלע מצוות", און נאכדעם שטייט **"מן היום אשר צוה ה' והלאה"**, דאס איז פון אלע מצוות פון אברהם אבינו, אדם הראשון. אדם הראשון איז געווען דער ערשטער נביא, יא. ער האט אים געזאגט נישט עסן פון עץ הדעת, איך ווייס נישט. פריער ווי, וואטעווער, וואספארא מצוות ס'איז געגעבן געווארן צו אדם.

**פארוואס איז "מודה בעבודה זרה" גלייך צו "כופר בכל התורה"?**

זאגט ער, איינער וואס איז מודה בעבודה זרה איז כופר בכל התורה כולה. אינטערעסאנט. פארוואס איז ער... ער קען זיין כופר, איך קען פארשטיין אז ס'איז א slippery slope, אבער איינער וואס טראכט נאר אז ער דארף געבן כבוד צו די כוכבים איז נאכנישט כופר אין כל התורה כולה. וואס מיינט דער רמב"ם צו זאגן אז אונז זענען חושש אז ער גייט ווערן כופר? איך ווייס נישט, וואס ווייסן מיר וויאזוי די... מ'זאגט אז ער איז. וואס ווייסטו פונקטליך וויאזוי ס'ארבעט? ער איז. אזוי ווי מ'זאגט איינער... מ'נעמט מער נישט אן זיין... כנגד כל התורה כולה. ס'מיינט אז ער איז, איך ווייס נישט, ס'איז א חומר אזוי. א חומר, יא.

עס קען זיין אז פארקערט, אז די גאנצע תורה איז געמאכט נישט צו דינען עבודה זרה. ס'גייט דאך אפאזיט. דאס קען זיין אז די ווארט איז ווייל ער לויפט נאך זיין פאנטאזיע, איז זיין אלע אמונות זענען מער גארנישט ווערד.

## Speaker 2:

ער רעדט נישט שוין פון פאנטאזיע, יעצט רעדט מען פון דינען עבודה זרה.

## Speaker 1:

ניין, א מודה, אבער ס'איז נאך די מסקנא. יא, ער גלייבט דערין. יא, אבער דו זאגסט קיינמאל, וועגן דעם זענען אלע אנדערע מחשבות גארנישט ווערד, ווייל ער איז נישט קיין מענטש וואס דיעלט גארנישט מיט מידות של לאדזשיק. ער איז א מענטש וואס בלאנדזשעט נאך זיין מחשבות.

## Speaker 2:

ניין, ער וויל דא ארויסברענגען די רילעישאן פון מצוות און עבודה זרה, אז אלע מצוות זענען געקומען כדי אויסצורייסן עבודה זרה. דאס איז דאך די דרך פון די רמב"ם אויך דא, ער ברענגט דאך זייער אסאך מצוות און עבודה זרה. דאס הייסט, אויב זייער אסאך מצוות אדער אפשר אלע מצוות זענען כדי אויסצורייסן עבודה זרה, די האסט שוין פארלוירן די פוינט. דער וואס גלייבט שוין אין עבודה זרה, האב איך גארנישט פון דיינע אלע אנדערע מצוות.

## Speaker 1:

יא. און פארקערט, **"וכל הכופר בעבודה זרה מודה בכל התורה כולה, והיא עיקר כל המצוות כולן."** די זאך פון זיין כופר בעבודה זרה איז עיקר כל המצוות כולן.

**הלכה ט' — "ישראל שעבד עבודה זרה הרי הוא כגוי לכל דבריו"**

איז דא א הלכה וואס קומט ארויס פון דעם, א הלכה למעשה וואס איז א נפקא מינה? יא, די רמב"ם, **"ישראל שעבד עבודה זרה הרי הוא כגוי לכל דבריו."** ער איז געווארן אזוי ווי א גוי. **"ואין ישראל שעובד עבודה זרה, שהיא עבירה שחייבין עליה סקילה, יש לו גם כן דינים."** ער הייסט א מומר לעבודה זרה. וואס איז עבודה זרה? ס'איז דאך א חטא ערבי, וואס איז עבודה זרה? ס'איז דאך א חטא, עבודה זרה איז א חטא וואס איז סקילה. ס'איז דאך א מיינונג אז ער טוט עבודה זרה, ער איז א איד וואס האט געטון אן עבירה פון סקילה, ער איז מחלל שבת, ער איז מחלל שבת, ער איז א איד. ניין, עבודה זרה איז ער "כגוי לכל דבריו". די נפקא מינה ווייס איך נישט קלאר, איך ווייס נישט קלאר לגבי וועלכע הלכה איז דאס.

## Speaker 2:

כ'האב געזען א נגיעה לגבי עדות אדער מנין.

## Speaker 1:

ער זאגט נישט דא די הלכה. Each one of those things איז א הלכה סעפערעטלי אין די רמב"ם וואס מ'דארף אנקומען און לערנען. די רמב"ם זאגט נישט דא קלאר, ער זאגט אז ער איז א גוי. ער מיינט נישט צו זאגן די הלכה, ער מיינט דא ארויסצוברענגען די זאך אז עבודה זרה איז די עיקר זאך פון זיין א איד, און נישט דינען עבודה זרה. ממילא, אויב דינסטו עבודה זרה...

ביסט א גוי. דא שטייט נישט די ווארט גוי. ס'איז נישט דא. זיי ברענגען למשל אז ער דארף נאך אלץ געבן א גט פאר זיין ווייב. ס'איז נישט די נושא דא. די נושא דא איז צו זאגן די חומר. אויך, די חילוק איז, ס'איז נישט דא משומד לעבודה זרה, right? ס'איז עובד. איינער וואס גלייבט נאר אין עבודה זרה, דינט עס נישט, איז נאך נישט דא די דין, זעט אויס. דו דארפסט יא טון די מעשה. יא?

**"משומד לעבודה זרה הרי הוא משומד לכל התורה כולה"**

דער רמב"ם ווייטער, נאך א זאך, **משומד לעבודה זרה הרי הוא משומד לכל התורה כולה.** וואס איז די טייטש? ס'איז דא אנדערע מצוות וואס א מענטש טוט זיי נישט, ער איז א משומד. משומד מיינט צו זאגן אז ער איז נישט געהעריג צו די מצוה, ער איז אויס יוד לגבי די מצוה. למשל, איינער גייט נישט קיין ציצית, ער טוט א געוויסע עבירה, רעכנט מען אים נישט די אנדערע עבירות אויך פאר א משומד. אבער איינער וואס גלייבט אין עבודה זרה, ממילא איז ער א משומד אויף אלע אנדערע מצוות אויך.

איינער גייט דיר זאגן, א מינוט, איך וועל דיר געבן... איך וועל דיר זאגן... איינער פון די מפרשים זאגט אז דער רמב"ם מיינט דא זיך אויסצוקלארן, דאס וואס ער האט געזאגט אז ער איז כגוי לכל דבריו, מיינט צו זאגן אז ער איז א משומד לכל התורה כולה. ווייל געוויסע הלכות האט ער נאך אזוי ווי א גוי, וואס זיין ווייב איז אן אשת איש. אבער דא איז נישט קיין הלכות. דער רמב"ם זאגט נישט דא גארנישט קיין הלכות, ער זאגט נאר די איידיע אז ער איז א גוי. פונקטליך וואס מיינט וואס איז די דין פון א גוי, דארף מען וויסן... ער איז א גוי גמור.

אבער די משומד לעבודה זרה מיינט דאס, אז אפילו קיין אנדערע זאכן, וואס איינער איז עובר איין מצוה, מיינט נאך נישט אז ער איז אויסגעשלאסן פון אן אנדערע מצוה. אבער עבודה זרה אינקלודט שוין אלעס אנדערש. דאס איז די ווארט.

**הלכה י' — מינים, תשובה, און "מחשבת מין לעבודה זרה"**

**ווער איז א "מין" און פארוואס איז מען נישט מקבל תשובה?**

**וכאן לא עובדי עבודה זרה בלבד אלא אף המינים**, זיי זענען די וואס האבן נישט קיין גוטע אמונה אין אייבערשטן, **אינם כישראל לדבר מן הדברים**, זיי האבן נישט קיין דין ווי ישראל לגבי קיין שום זאך. **ואין מקבלין אותן בתשובה לעולם**, מ'איז זיי נישט מקבל בתשובה לעולם. **שנאמר "כל באיה**

**לא ישובון"**, אלע וואס גייען אריין אין עבודה זרה, מינות, לא ישובון, קענען נישט צוריקקומען, **"ולא ישיגו ארחות חיים"**, זיי וועלן נישט צוריקקומען צו די ארחות חיים. און וואס איז דאס מינים? וואס זאל און דערש, אז ווער ער האט תשובה געטון, לאט מען אים שטוריק אריין אין ביהמ'דרש, וואס ער רעט אויס און אין בן-שול מעלה קען מען נישט וואס צו טון, רעד איך פון בן-שול מטה. די. דא האסט א זאך, מען נעמט אים צוריק, מ'געט אים צוריק, מ'איז אים געלערנט פאר א נידער. יא, מ'קען תשובה טון, מ'מאכט אים אויס, אבער דער מרמין לאזט מיר נישט צוריק, ווייל מ'איז מ'אלעמאל חושב'ס". דאס איז לכאורה דער ווארט. מ'קען נישט ווייסן, מרמין איז מיט א טריקי מענטש. ער איז משותט די מחשבתא. יעצט טוט די תשובה, מ'האכט דעם טריק.

### Speaker 2:

ליין דער רב, אבער זאגט דער רב. וואס איז מיין? דער רב, ווערט די מינים היימא תרים אחא מחשבת ליבם, בסיכלת בדברים שומני. זיי גייען נאך תפשט. זיי זענען תרים אזוי ווי לוסוסירי. אהיים. זיי בלאנדזשען אין נאך זייער מחשבת ליבם. אדש, ער נעמט צו עובדים על הגופה תורה להכחות בשעת נפש בי אדראם, וואו עובדים נישט איינער בזה אבון. די אינטערסאנטע דער מינים נישט נאר איינער וואס האט א סופרון זיין מחשבת. טראכטן אליין איז נאך נישט גענוג. רייט. ער איז אזא, ס'איז ער וואס מען רוקט איימאל א פרי-טינק. ער טראכט א גאנצע טאטע אזוי, בשעת מישר נשמע נאמון, מיינען דער ווען ער איז, אבער בעזד אויף דעם מחשבה פון דערוובער. נישט פרעסיע בשעת נפש. נישט אז ער זאגט זיך אבער א בטלית אבן. יא. אה, דער רמזקא דברה. די ווארט איז אייער זענער זאגט, עס נישטא קיין תורה, עס נישטא קיין מצוה. דאס איז די ווארט. רייט? און אויף דער מענטש... נישט נאר מען טאר ער נישט קיין ישראל... וואס טייטש די ווארט שעת נפש? א גאווע? א חוספה? יא, דרומה איז לכאורה אזא אינער פון גאווע. ארייין, נאר וואס איז דער טייטש? זיי האבן שוין געזאט איינמאל די ווארטן הייט. זייער, מ'איז נישט מקלב בתשובה. סאוי, לכאורה דא אינער רבי'ן זעט אויס אז ער מיינט נישט איינער וואס האט געהאט א שלעכטע מחשבה, אדער ווי פריער. סאוי, נאר ער ער געזט אויף דעם מחשבה, האט ער זיך פורא'ט געווען אין א ציבור. סאוי, דא איז דער ציבור אויף מחשבה, אבער דער מינא איז שוין... ער האט זיך ערקלערט א פארניק. ער האט אויפגעהויבן א פלעק פון זיינע מינות. יא.

#### "אסור לספר עמהם ולהשיב עליהם תשובה"

סאוי, דער רמב"ם, **ואסור לספר עמהם**... פארשטייט מען אויך פארוואס מען זעט נישט מקלבט תשובה, ווייל ער האט געטון א גרויסע מעשה חוצפה, ער דערקלערט א מרידה אין די אידישקייט אין די תורה. אקע, אן אנדער מיינס. **ואסור לספר עמהם**, מען טאר נישט שמועסן מיט זיי, ווייל אפשר וועט ער לאזן תשובה, בכלל מען טאר נישט מיט זיי... מען טאר אפילו נישט ענטפערן אונטער זיי. ענטפערן, יא. מען טאר נישט מקבל זיין זייער תשובה, און מען טאר אויך נישט ענטפערן א תשובה. **שנאמר "אל תקרב אל פתח ביתה"**. עס איז לכאורה ווייטער, ווייל ער גייט דיר פארדרייען א קאפ. וואס שטייט אין די גמרא, א מין ישראל ענטפערט מען נישט, מען זאגט נישט "אל תהן". וואס שטייט דארט? "לא תתחתן בם". דאס מיינט מפרש דער רמב"ם, אז א ישראל גייט נישט העלפן, ווייל ער וועט דיר פארדרייען א קאפ, ער גייט דיר מאכן ערגער די פראבלעם, ער גייט נישט מקבל זיין די תשובה.

#### "מחשבת מין לעבודה זרה" — א שווערע הלכה

אקעי. זאגט דער רמב"ם, **"ומחשבת מין"**, דאס איז א פאני הלכה. איך ווייס נישט וואס דאס מיינט. דאס איז א גמרא, אבער... וואס מיינט דאס? ער איז א מין, ער גלייבט אפילו נישט אין גארנישט. וואס קומט אריין עבודה זרה? העלא? האט א מין א דין פון עבודה זרה? איך ווייס נישט. נישט דאס מיינט. אויב מען זעט אז ער איז מקדיש א קרבן, וואס זאל מען זאגן, אז ער איז מקדיש עס צו עבודה זרה. אזוי ווי מיר האבן געלערנט פריער, און נאך איז דא א תורה וועגן... די די... איך האב איך האב געזאגט אז ער טראכט עס כדברים על הדברים. מען זאגט נישט אז עס איז עבודה זרה. דאס איז א גמרא, ער ברענגט נישט די גמרא דא אויף דער זייט. "מחשבת מין עבודה זרה". איך ווייס נישט וואס... איך ווייס נישט וואו ס'קומט אריין דא אין דער הלכה.

ס'זעט אויס אזוי ווי אזוי, אז סתם'ס, ווען דו ווייסט נישט וואס ער האט געטראכט, ער האט געטראכט צו דער אייבערשטער צו נישט, אבער אזא מחשבה איז עבודה זרה. ער איז דאך א מין, עבודה זרה גלייבט ער יא. עבודה זרה קען מיינען די וואס ער האט גערופן עבודה זרה. מינים וואס איז באגערט דער עבודה זרה. ער האט גערופן מינים עבודה זרה. ער וועט ארייינגיין אין די זעלבע קאטעגאריע. אין חולין רעדט זיך עס וועגן שחיטה, אבער עס איז נישט קלאר אז די מין פון מסכת חולין רעדט פון דער מין וואס דער רמב"ם האט יעצט געזאגט. די מין פון מסכת חולין קען רעדן פון עפעס א גרופע מענטשן וואס האבן געווען עובדי עבודה זרה וכו'. און ער ברענגט א פירוש רבי דוד הרמב"ם, איך ווייס נישט ווי, דא איז א פירוש רבי דוד הרמב"ם, ס'האט מסביר געווען אז איין טאג... אה, האט דער רמב"ם נישט געזאגט, מינים... אה, פעמים יוסף וואס רבי דוד הרמב"ם... פעמים, פעמים! היינט איז עבודה זרה. אקעי, בקיצור, מיר דארפן מחמיר זיין לחומרא, מיר דארפן חושש זיין אז מיין שכן גייט ער לאנדן אויף אין עבודה זרה. נא, אפשר יענע טאג איז געווען א טאג וואס זיי זענען געווען אין עבודה זרה, מיר קענען נישט ווייסן. ווייס נישט קלאר.

#### הלכות עבודה זרה פרק ב', הלכה ד' — דין המגדף

##### הקדמה: דער רמב"ם'ס שייכות פון מגדף צו עבודה זרה

### Speaker 1:

אפט, יענע טאג איז געווען א טאג וואס ווערן געלעבט אין דער עבודת זרה. מען קען נישט ווייסן. עס איז נישט קלאר. דער רמב"ם זאגט נישט וואס דארף מיינען אויף קמיעה להלכה דאס. עס איז נישט קלאר. דער רמב"ם זעט דאס לכאורה, ער ברענגט עס פשוט צו ווייזן, אז קמיעה איז אויך א... אזוי ווי א עבודת זרה וואס איז כח דינא כח גוי, אויך קמיעה איז אזוי ווי דער זרה.

יעצט גייט דער רמב"ם לערנען הלכות מגדף. איינער וואס איז מגדף איז דער אייבערשטער. עס טייטש שאר זאגט דא שיים הד מיט כללות. יא. זיי גייען זען פונקטליך.

זאגט דער רמב"ם, **"כל המודה על עבודת זרה"** איז שוין אמת. איינער איז מודה, אז עבודת זרה איז אמת. ווייס מיינט שוין אמת, ווייס איך נישט. אזוי דארף ענדער נישט, אזוי וואס טייטש שוין אמת? איינער וואס מיינט אויף עבודת זרה אז ס'אמת. אז דער כח אויב האט א כח למשל.

### Speaker 2:

ניין, אז ער ווערט געלערנט שוין פריער. אבער מ'דארף עם דינען.

### Speaker 1:

אבער מ'דארף עם דינען. עבודת זרה פיסלע. רייט. אבאבשא לאבדא, אבער מ'וואזא, אבער מ'וואזא דער אייבערשטער.

אה, דאס איז לכאורה דער פסוק. ער ברענגט א פסוק. **"ועבר ליר"**. ער זאגט, ועבר דער עובדת זרה, ועבר דא מגדפת הם.ביידע זענען איין געידער. **"שנאמר, והנפש אשר תעשה ביד רמה. בני עזרח, בני גייר."** דאס ווײדער רמה מיינט דינען עובדת זרהביידר רמה?

### Speaker 2:

יא, לויט וואס דער המון, געדענקט זיך דער זעלבער פרשה פון חיסוש גוף לאסוסי. עס איז ממש דער זעלבער פרשה.

### Speaker 1:

**"שנאמר"**, אין די המשך פון דער פרשה שלאכט. **"את השם הוא מגדף"**. מיט דעם איז ער מכריף מגדף, מיט דעם פון השמי' דער הויבערשטער. דער פאליזירן דינעסט עובדת זרהביידר רמה, אדער אפשר אנער עבירות צוביידר רבה. אזוי ווי עמין איז עס **"את השם הוא מגדף"**, קומט אויס אז

עובדת זרה און מגדף עס השמי' איז אין דער זעלבער קעטעגאריע. פאליזירן דינעסט עובדת זרה ווײדרענעסט אין מגדף.

ווענן דעם איז דער הלכה אז אויסער וואס מען געט עס שכולה פאר עובדת זרה און פאן מגדף, הענגט מען זיי אויף געט מען זיי תלוה, שניים וסקולה. און ביידער באקומען שכולה און ביידער באקומען תלוה. און פאליזירן דער סיבה פארוואס מען מגדף באקומט אויכעט עס שכולה, איז אויך אין בגדר עבודה זרה.

איז ביידע די זעלבע, ביידע באקומען סיי תליה און סיי סקילה. זאגט ער אים, **"ועל כן כללתי דין המגדף"**, און איך מיין אז ס'איז נישטא קיין אנדערע איסור וואס באקומט תליה, נאר מגדף פון עבודה זרה, ווייל עבודה זרה הייסט א מגדף, ווי אזוי ער ברענגט אין די הקדמה פון די משניות.

**"ועל כן כללתי דין המגדף"**, ווייל איך זע ווענן דעם ברענג איך דא דין הלכות המגדף. פארוואס? קודם ווייל ער האט ענליכע הלכות לגבי סקילה, **"ששניהם כופרים בעיקר הם"**. אבער ער האט שוין געזאגט, ווייל ביידע באקומען סקילה. פאר דעם באקומען זיי ביידע סקילה, און דאס איז ווייל אלע זענען כופרים בעיקר.

וואס איז צו גלייבן אין עבודה זרה אדער צו זאגן אז מ'דארף עס דינען, א מגדף איז די זעלבע סארט ענין, ממילא באלאנגט ער דא. א מגדף איז אויך א כופר בעיקר.

**קשיא: וויאזוי איז א מגדף א כופר בעיקר?**

### Speaker 1:

ס'איז זייער שווער צו פארשטיין, ווייל דער מגדף וואס ער האט גערעדט ביז יעצט רעדט נאך נישט פון א מגדף וואס האט מנוקב געווען שם בשם. ער האט נישט גערעדט פון דעם. ער האט דאך געזאגט איינער וואס איז מודה בעבודה זרה. ממילא, וואס האט געזאגט די נישט ריכטיגע ווערטער, אבער ער איז א כופר בעיקר. אדער ער גלייבט סיקרעטלי אין דער אייבערשטער, ער פירט זיך אין אן אופן וואס איז מגדף את השם, אדער אן אופן וואס איז כופר בעיקר, עפעס אזוי. מען דארף פארשטיין בעסער, איך ווייס נישט.

און בכלל פארשטיי איך נישט וואס מיינט א מגדף, עפעס איז מיסינג אין די גאנצע הבנה.

**הלכה יג: וואס איז דער מעשה פון א מגדף?**

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"אחד המגדף חייב"**, "אחד המגדף". איז דאס איז א מגדף? וואס מיר גייען מיר לערנען, ס'איז נישטא אזאך הלכות, אפאר הלכות, וואס איז דאס א מגדף?

ס'איז דא עפעס אזוי ווי... ס'איז דא א נעיטשור פון א מגדף. א מגדף איז אזוי ווי א עובד עבודה זרה, נאר אן עבודה זרה. ס'טייטש איינער וואס איז מחריף און איינער וואס איז מבזה דעם אייבערשטן. אבער דאס איז עפעס א לאו שאין בו מעשה, דאס איז נאך נישט קיין מעשה. דא גייט עס ארום די מעשה פון א מגדף. וואס איז דער אקט פון א מגדף?

### Speaker 2:

קען זיין, אבער ער זאגט אז יעדע עובד עבודה זרה איז בעצם א מגדף, אזוי ווי דו זאגסט, די אידיע פון מגדף און די פונקטליכע הלכה פון מגדף.

### Speaker 1:

אה, נאו, סאמטינג איז מיסינג. סאמטינג איז מיסינג דא, מען דארף עס פארשטיין בעסער.

סא זאגט דער רמב"ם, **"איינער מגדף חייב סקילה"**. אה, דער לשון מגדף בכלל קומט פון יענע פסוק, **"את השם הוא מגדף"**, וואס שטייט ביי לשון משל, ס'מיינט איינער וואס טוט ביד רמה איז מגדף את השם. נישט ונוקב שם השם...

### Speaker 2:

יא, זייער גוט. דער לשון מגדף.

### Speaker 1:

איך זאג, דער לשון מגדף איז נאר... נאר ביי דעם משל פון די תורה.

**דער רמב"ם'ס פסק: שם המיוחד איז א-ד-נ-י**

### Speaker 1:

**"איינער מגדף חייב סקילה, עד שיפרש את השם המיוחד של ארבע אותיות, שהיא אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד."** ס'טייטש דער וועג וויאזוי מען זאגט עס, השם המיוחד איז יו"ד ה"א וא"ו ה"א.

### Speaker 2:

נעין, נעין, ליין וואס דער רמב"ם זאגט! ליין ביזן ענד פון די הלכה... מען דארף זאגן, דער רמב"ם ברענגט צוויי שיטות, אבער דער רמב"ם זאגט מען דארף זאגן אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד. השם המיוחד איז יו"ד ה"א וא"ו ה"א, אבער דער וועג וויאזוי מען זאגט עס געוועגליך ארויס איז אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד. און דער רמב"ם, אויב איינער איז מפרש דעם שם המיוחד באופן אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד...

### Speaker 1:

נעין, נעין, נעין. דאס איז אמת אז אין אנדערע... אין די גמרא שטייט שם המיוחד, דער רמב"ם ברענגט דא, ער גייט דא אריין אין א סאקטא מחלוקת, אבער וואס ער זאגט דא איז, אז שם המיוחד טייטש אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד. אזוי טייטשט דער רמב"ם.

### Speaker 2:

קען זיין דער ריזן איז אזוי ווי דו זאגסט, ווייל דאס איז וויאזוי מען זאגט עס בנמצא. ער זאגט די ווארט "יפרש", ער זאגט עס ארויס באופן אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד.

### Speaker 1:

**"ויברך השם בשם השם"**, אדער "ויברך" איז א לשון סגי נהור. ער איז נוקב בשם, ער מקלל שם השם, **"בשם השם הנכבד"**. דער רמב"ם האט שוין פריער געלערנט אין הלכות יסודי התורה געשטאנען וועגן... וועגן מאבד זיין שם, דארטן געשטאנען אז דא א פאר שמים זענען א שם השם הנמחקים, אויב איינער איז... טוט דאס, ער איז א מגדף און ער מקלל שם השם הנמחקים, ער איז א מגדף וואס איז חייב סקילה, **"שנאמר 'ונוקב שם השם'"**. שם השם מיינט די יו"ד ה"א וא"ו ה"א, אדער די אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד.

זאגט ער אז השם המיוחד חייב סקילה, ווייל שאר הכינויים, אויב ער איז מברך בשם, אין איינע פון די אנדערע כינויים, וואס ווען מען רופט אן דעם אייבערשטער, נישט השם י-ה-ו-ה, נאר מען איז מברך זיין **"את השם"** של ד' אותיות **"באחד"** מן השמות שאינם נמחקים, רייט?

### Speaker 2:

יא, ער זאגט זאל איינער פון די שמות שאינם נמחקים מברך זיין את השם א-ד-נ-י, פארשטייסט? דאס הייסט מברך זיין "את השם בשם", שטימט?

### Speaker 1:

דאס איז דער טייטש, דאס איז דער טייטש, ער זאגט אזוי, אקעי. דאס איז דער רמב"ם, "מברך בשם השם", יא, "בשם השם" מיינט דעם נאמען פונעם אייבערשטער, וועלכע איז דער שם שאינו נמחק?

### Speaker 2:

ניין, וועלכע איז "השם המיוחד", און דאס מברך זיין דעם שם המיוחד, וואס דער רמב"ם זאגט דא איז שם א-ד-נ-י, מיט איינע פון די אנדערע שמות שאינם נמחקים, נישט מברך זיין דעם שם המיוחד, ער איז מברך "את השם המיוחד" מיט איינע פון די שמות שאינם נמחקים, דעמאלטסט איז ער חייב סקילה.

### Speaker 1:

אויב ער איז מברך איינע פון די שאר הכינויים איז נאר באסור, איז נאר עובר אויף א לאו, ער באקומט מלקות, אבער נישט חייב סקילה.

**"ושאר הכינויים באסור"**, אויב ער איז מברך בשם איינע פון די אנדערע כינויים איז באסור. **"ויש מי שמפרש, אז אינו חייב אלא על השם י-ה-ו-ה"**, און ווען מען זאגט א-ד-נ-י הייסט נישט מען האט מפרש געווען דעם שם המיוחד, נאר ווען מען האט ארויסגעזאגט דעם דרך שהיא נכתבת, שם י-ה-ו-ה.

**"ואני אומר"**, דער רמב"ם פסק'נט אזוי ווי ביידע, אז מען איז מברך סיי י-ה-ו-ה אדער א-ד-נ-י איז מען באקומט סקילה. זייער גוט.

אבער פארוואס? ווייל דער רמב"ם האט פארשטאנען אז דעם שם המיוחד, ווען מען זאגט עס בשם א-ד-נ-י, מען מיינט דעם שם י-ה-ו-ה, איז ממילא הייסט עס איכעט וואס עס שטייט אין די גמרא "שם המיוחד".

## Speaker 2:

יא, סא נאכאמאל, אין דעם זעקסטן פרק פון הלכות יסודי התורה האט דער רמב"ם אונז אויסגעלערנט אז עס איז דא זיבן שמות וואס הייסן שמות שאינם נמחקים, עס שטייט שם המפורש, אדער דער וועג וויאזוי מען זאגט שם המפורש א-ד-נ-י, און נאכדעם האט ער געזאגט ק-ל, א-לו-ה, א-לקים, שם אהי-ה, שם ש-ד-י, און שם צב-אות.

אז אויב מ'האט געזאגט כביכול, מ'זאגט זאל איינע פון די שמות מקלל זיין די איינס פון די צוויי שמות י-ה-ו-ה אדער א-ד-נ-י, דעמאלטס איז מען א מגדף.

**דיסקוסיע: וואס טוט דער מענטש אלס א מגדף?**

## Speaker 1:

א רמב"ם'דיגע זאך, וואס טוט דער מענטש אלס א מגדף?

## Speaker 2:

אקעי, לאמיר נישט פאראיינפאכן, דאס ליגט א גוטע קשיא אויף דעם מענטש.

## Speaker 1:

ער איז א מגדף, דו פארשטייסט א מגדף? העלאו?

## Speaker 2:

יא. ווייל ס'איז א מאדנע זאך, ווייל ספעציעל מיט דעם וואס דער רמב"ם האט אנגעהויבן אז ער איז אזוי ווי מודה בעבודה זרה, ער איז דאך דער גרעסטער מאמין, ווייל ער זאגט ער גלייבט נאר דער אייבערשטער קען שעלטן, אבער ער איז פארביטערט.

## Speaker 1:

אקעי. איך ווייס נישט, איך מיין גראדע מ'קען עס פארשטיין, די גאנצע עקזיסטענץ.

## Speaker 2:

ס'איז נאך א שטאפל מגדף זיין.

## Speaker 1:

אקעי.

## Speaker 2:

ס'זעט נאר אויס אזוי ווי איינער וואס איז זייער פארביטערט, איינער וואס איז א ביסל פארביטערט שעלט זי, איינער וואס איז מער פארביטערט שעלט די גאנצע עקזיסטענץ.

## Speaker 1:

דער גרעסטער לעוול פון פארביטערטקייט איז שעלטן דעם מוציא ראשון.

## Speaker 2:

עפעס מער, מ'רעדט דאך נאר ווען ער טוט דאס בשם המפורש.

## Speaker 1:

נו, ס'מאכט סענס.

## Speaker 2:

וויאזוי שעלט מען? בכלל שעלטן א מענטש, וואס מיינט שעלטן א מענטש? שעלטן איז אלעמאל בשם.

## Speaker 1:

מיינט ס'איז עפעס א שטארקע זאך.

## Speaker 2:

דער אייבערשטער זאל דיך... זאל דיך פרא... פאר דעם.

## Speaker 1:

ס'איז טאקע פאני וואס דו זאגסט פאר דעם אייבערשטן אליינס פאר דאס וואס ער טוט, וויאזוי אנדערש קען מען שעלטן?

## Speaker 2:

איך וויל דיך פרעגן א קשיא, ווען ער זאגט יכה מיך את סיוסי, מאכט עס מער סענס אדער מאכט עס וויניגער סענס?

## Speaker 1:

פאר די ביסט דאך שוואך פאר דעם אייבערשטן.

## Speaker 2:

ס'איז טאקע פאני, ס'איז טאקע נישט מער ווי א מגדף, וואס ס'איז פאני, ס'איז אויך אסור, ס'איז אויך חייב סקילה, אבער דאס וואס ער מיינט.

## Speaker 1:

אקעי. שוין.

## Speaker 2:

וואס איז דאס עבודה זרה? ס'איז דאך אויך אביסל אינטערעסאנט, ווייל איינער וואס איז אן עובד עבודה זרה ער זאגט יכה דעם כח דער אנדערער כח, האט ער גארנישט געזאגט.

## Speaker 1:

ס'זאלן זיך שלאגן, ס'זאלן זיך טאקע שלאגן זיך טאקע איינער דעם צווייטן.

**הלכה יד: דער לאו פון מגדף**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"די עזרה של מגדף מנין?"** וואו איז די לאו? אונז האבן שוין געלערנט דא מנוקב שם השם. וואס שטייט דארט? "מימי משה", "מימי משה"? ווי איז די לאו? זאגט ער **"שנאמר אלהים לא תקלל"**. אגב, אז מ'רעדט פון אלהים, ס'מיינט אויך אלהים מיינט בעל כוחות, דזשענעסי, אבער ס'איז אויך די פשוט'ע מקרא וואס עס מיינט.

**הלכה יד: סדר הדין — בכל יום ויום דנים את האדם בקניו**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם: **"בכל יום ויום דנים את האדם בקניו"**. אוקעי, ביז אהער האבן מיר געלערנט די עיקר הדינים, יעצט גייט מען לערנען וויאזוי מ'איז מסדר, וויאזוי מ'איז מזמן, ס'קומען עדים זאגן יענער איז געווען חייב.

**סדר הדין פון מגדף: עדות, קריעה, און סמיכת ידים**

**הלכה ד' (המשך) — סדר הדין פון מגדף**

**דער כינוי "יכה יוסי את יוסי"**

## Speaker 1:

ווי איז דער לאו? זאגט ער, **"שם אלהים אחרים לא תזכירו"**. אגב, ס'איז דא אן אליהו רבה וואס לערנט אז ס'מיינט אויך... אליהו מיינט בעל כחות, תלמיד חכם נשיא, אבער אויף פשוט'ן מקרא וואס ס'מיינט... זאגט דער רמב"ם, **"בכל יום ויום דנים את העדים בכינוי"**.

אקעי, סאו עד כאן האבן מיר געלערנט די עיקר דין, און יעצט קען מען לערנען וויאזוי מ'איז מסדר, וויאזוי מ'איז מסדר די עדות.

ס'קומען די עדים, זיי זאגן יענער איז געווען א מגדף. הייבט זיך דא אן די שאלה, די דיינים טארן נישט זאגן דאס וואס ער האט געזאגט, ווייל ס'איז איינע פון די שמות וואס מ'טאר נישט זאגן אויף דעם אופן. נו, מאכט מען א נייע כינוי וואס איז נישט פון די כינויים בכלל, און מ'זאגט "יכה יוסי את יוסי". א נייע כינוי, נישט אן אמת'ע כינוי.

וואס הייסט מ'זאגט יוסי? יוסי איז מסתמא וואס איז אויך פיר אותיות, יא? איז דאס וואס ס'מיינט כינוי, מ'זאגט יוסי? אדער ס'מיינט מ'זאגט איינע פון די כינויים, "יברכם" אדער עפעס אזוי, און מ'זאגט יוסי? מ'מאכט א נייע כינוי, זעט אויס. מ'נוצט נישט די כינויים פאר איינע פון די כינויים, נאר מ'מאכט עפעס, מ'קרייעט א כינוי וואס איז נארמאל, ווייל יוסי איז י' ו' ס' י', איך האב געוואלט זאגן ס'איז גוט. יוסי איז נישט פיר אותיות. אינטערעסאנט.

#### נגמר הדין — דער גרעסטער עד זאגט ארויס בפירוש

## Speaker 1:

אקעי, נגמר הדין. נאכדעם וואס מ'האט שוין... סאו כלפי פראקטיש קען מען אזוי טון, אבער סתם צו מאכן ממש א דין איז מיר יא. נגמר הדין, **מוציאין את כל האדם לחוץ, ושואלין את הגדול שבעדים**, איינער פון די עדים, ס'איז דאך דער גרעסערער פון די צוויי עדים, **ואומרים לו, "אמור מה ששמעת בפירוש". והוא אומר.**

ער דארף עס ארויסזאגן, ווייל זעט אויס אז ס'איז א דין אין עדות, מ'מוז יא זאגן קלאר וואס ער האט געהערט. ס'קען אויך זיין ווייל ס'קען זיך אמאל מאכן א טעות, און מ'קען נישט הרג'ענען א מענטש אפשר ביזן סוף האט ער נישט פארשטאנען די דין פון פונקטליך וויאזוי די שם המפורש, וויאזוי זיי דארפן עס זאגן.

**והוא אומר.** ער זאגט עס. אבער ווען זיי זאגן עס, איז עס א שרעקליכע זאך, ער האט דאך געזאגט די הארבע זאך. **והדיינים עומדים על רגליהם וקורעין ולא מאחין.** אפילו ער זאגט אז יענער האט געזאגט, הערלפט נישט. דער האלט, וויבאלד ער זאגט ארויס די ווערטער... אפשר איז דאס צו ווייזן די סיריעסנעסס, צו ווייזן אז ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'איז מזלזל אין דעם. **והדיינים עומדים על רגליהם וקורעין ולא מאחין.** זיי מאכן קריעה. און אזא סארט קריעה וואס מ'לייגט נישט צוריק. אז ער זאל האבן געלערנט למשל פאר הלכות תלמוד תורה, אז אן רב קורע ולא מגהה. ווען דער כהן גדול זאגט דעם שם, מאכט מען אן אנדערע מין קריעה, קריעה מיט א קו"ף. מ'איז קורע, מ'בייגט זיך. אבער דאס איז עפעס אן ענין אפשר...

#### דיסקוסיע: קריעה ביי ברכה

## Speaker 2:

אפילו ווען מ'זאגט אז ער זאגט בברכה, דא רעדט מען פון מגדף, דאס איז נישט די זעלבע זאך.

## Speaker 1:

אקעי. דער צווייטער עד זאגט **"אף אני כמוהו שמעתי"**. איז דאס נישט שוין גענוג? פארוואס דארף ער דאס זאגן? ווייל ער זאגט "אף אני כמוהו שמעתי", אויב ער האט אויך געהערט די זעלבע זאך, אויב נישט, האט ער לכאורה נישט קיין צוויי עדים. "אף אני כמוהו שמעתי", אבער ער דארף נישט אויך ארויסזאגן. מ'האט שוין געזאגט איינמאל, דאס איז דאך די דין פון יעדן עד, אפילו ווען מ'דארף זאגן קלאר. יענער זאגט "כמו שאמר", איז דאס די זעלבע זאך.

#### ווען ס'איז דא אסאך עדים

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"ואם היו עדים רבים, צריך כל אחד ואחד מהם לומר כך וכך שמעתי"**. נישט גענוג אז נאר צוויי, ווייל ווען ס'איז דא אסאך עדים, האט יעדער א דין עדות. ווי מ'לערנט אין מסכת מכות, רייט? "אין פוטרין אותו אלא בכולן ביחד, לא פוטרין בשנים, נאר פוטרין בשלשה". ווייל אויב ס'איז דא מער ווי דריי עדים, דארפן אלע עדים זיין כשר.

#### מגדף שחזר בו תוך כדי דיבור

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם וויטער אין הלכות מגדף, **"מגדף שחזר בו תוך כדי דיבור, אין חזרתו חזרה, אלא נהרג, שגידוף בעדים נסקל"**. וואס הייסט ער ווערט מגדף ווען ס'איז געווען דארט צוויי עדים? נסקל. איך האב מיך אביסל געוואונדערט, וויאזוי ארבעט התראה אין אזא פאל? עדים מיינט געוועגליך אויך התראה. ס'קען זיין אז די עדים האבן אים געווארנט פאר ער האט עס ארויסגעזאגט, אדער וואס?

ס'איז אינטערעסאנט, געוועגליך אין זייער אסאך הלכות אין די תורה העלפט דאך כדי דיבור. אבער די גמרא זאגט אז אויף א פאר הלכות העלפט נישט תוך כדי דיבור. דאס איז אבער קלאר, קידושין און גירושין און מגדף פון עבודה זרה. דא רעדט מען פון עבודה זרה, איז העלפט נישט קיין חזרה בתוך כדי דיבור. ס'איז דא א דרשה ביי די הלכות קידושין, עפעס אז מ'זעט אז קידושין און גירושין האבן די זעלבע דין פון מגדף פון עבודה זרה.

#### מגדף השם בשם עבודה זרה — קנאים פוגעין בו

## Speaker 1:

אקעי, עניוועיס. יא, זאגט ער, **"מי שגידף את השם בשם עבודה זרה"**, אויב איינער האט געטון אנדערש, אנשטאט זאגן "יכה יוסי את יוסי", האט ער געזאגט "יכה עבודה זרה את יוסי", איז דאס אויך א הארבע זאך, אבער ס'איז נישט די זעלבע דין מגדף וואס קומט אים סקילה, נאר ס'איז דא אן עונש אויף דעם, **קנאים פוגעין בו.** אויף דעם איז דא א דין אז ס'איז אויך א סארט חייב מיתה, נישט חייב מיתה מדין, נאר ס'איז חייב מיתה דורך קנאים פוגעין בו והרגוהו. אזוי ווי א בועל ארמית, וואס ס'איז דא אפאר הלכות ווי קנאים פוגעין בו.

איי גוט. זאגט די רמב"ם, **ואם לא הרגוהו קנאים**, אויב ס'איז נישט דא גענוג קנאים, **ובא לבית דין**, און מ'קומט צו בית דין, **אינו נסקל, עד שיברך בשם מן השמות המיוחדים.**

אקעי, זייער גוט.

#### דיסקוסיע: פארוואס איז דאס נישט חייב סקילה?

## Speaker 2:

פארוואס? ס'הייסט, ס'איז נישט קיין דרך פון עבודה זרה. מגדף זיין השם בשם, עבודה זרה, נישט קיין וועג פון עבודה זרה.

## Speaker 1:

ביזט גערעכט.

## Speaker 2:

ניין, אלס דין עבודה זרה ווערט עס נישט.

## Speaker 1:

אז ס'איז נישט איינער פון די ד' עבודות, וואס ס'איז אן עבודה, וואס איז עבודה שבכך, איך ווייס נישט.

#### חיוב קריעה — נאר ווען מ'הערט פון א איד

## Speaker 1:

זאגט די רמב"ם וויטער, **כל השומע ברכת השם חייב לקרוע.** דאס האבן מיר געלערנט בעצם, אז דאס דארף קיין עדים. איינער וואס הערט די ברכת השם איז חייב לקרוע, אזוי ווי מיר האבן פריער געלערנט אז די דיין וואס הערט עס פון די עדים. אבער דארטן איז א חידוש, ווייל אפילו ער הערט עס נישט, די עדים זאגן עס נישט בתור ברכת השם, זיי זאגן עס נאר אריבער, איז חייב לקרוע. אבער דא רעדט מען פון א געהעריגע ברכת השם, דארף מען רייסן קריעה. **אפילו ברכת הכינוי**, אפילו מ'זאגט נישט, אפילו מ'זאגט נישט ברכת הכינוי, וואס אויף דעם איז נאר א חיוב לאו, איז אויך חייב לקרוע, **והוא שישמענו מישראל.** נאר אויב מ'הערט עס פון א איד.

אה, ס'איז אינטערעסאנט, פריער זאגט ער אז איינער וואס דינט עבודה זרה איז א גוי לכל דבריו, אבער ס'זעט אויס אז מגדף נאכנישט. אויף מגדף טרעפט ער אז ס'איז א גוי לכל דבריו.

**Speaker 2:**

פארוואס? ווייל אפילו ווען א גוי שעלט, קען ער שעלטן פון היינט ביז מארגן, דאס טוט נישט קאונטן. נאר א איד קאונט עס עפעס.

**Speaker 1:**

יא, ווער איז זייער שעלט? ווערט ער געפרעגט.

**Speaker 2:**

מכה יוסי, איך ווייס נישט, מ'דארף עס אויסגעפינען.

**דיסקוסיע: שומע מן השומע**

**Speaker 1:**

ווי האלטן מיר דא? **אחד השומע ואחד השומע מן השומע**. דאס איז לכאורה די ריזן פארוואס די בית דין דארף קריעה רייסן.

**Speaker 2:**

איינער וואס האט געהערט אז יענער האט געזאגט.

**Speaker 1:**

אז די שומע, נישט אז יענער האט געזאגט. שומע מן השומע איז נישט אזוי אינטערעסאנט. ער זאגט אז יענער האט מגדף געווען. שומע מן השומע איז נאר ווייל די שומע טאר דאס נישט איבערזאגן. אויב די שומע זאגט עס איבער סתם אזוי איז ער אליין מגדף.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

נאר אויב ער גייט פאר בית דין, ווייל דעמאלט מעג ער.

**Speaker 2:**

ניין, ער זאגט, יענער האט מגדף געווען. יא, אבער ווען יענער זאגט נישט איבער די שמות מיט אלעס, אויב יענער זאגט איבער די שמות פונקטליך אזוי ווי יענער האט מגדף געווען, איז ער אליין לכאורה מגדף, ער וואלט אויך נישט געדארפט גיין אין בית דין. ער זאגט, איך האב געהערט אז יא, אבער ס'איז נישט קיין גידוף, ס'איז א שומע מן השומע, ער דארף אויך קורע זיין, פאר דעם טאר מען עס נישט... די וועג וויאזוי ס'איז געשטאנען פריער אז ער מעג עס נאר איינמאל זאגן און דער צווייטער עדות טאר עס נישט זאגן.

**Speaker 1:**

אמת, אמת, ווייל מען קען באקומען א חיוב סקילה. איך וואלט נישט געזאגט חיוב סקילה, אבער ס'איז הארב. ס'איז א שומע מן השומע, מיינט דאך אז ער זאגט עס איבער מיט די ווערטער, אבער דער פאקט אז ער איז א מתערץ, אבער זכר אז אפילו ווען ער טוט עס נישט אין בית דין איז ער נישט חייב סקילה, איז נישט קיין גידוף, און דארט דארף מען נישט קורע זיין.

**Speaker 2:**

איך ווייס נישט וועלכע איסור דאס איז, איך ווייס נישט. ער זאגט אז ער האט דאס געזאגט, יעצט ער זאגט גוט פריער, נאר מען קען נישט אזוי פארציילן די נייעס. איינמאל פארציילן די נייעס, און יענער איז מגיד, דאס איז אויך נישט קיין וועג. אזוי ווי דער חדר אינגל וואס האט נישט געוואלט אריינרעדן אין וואויס מעיל, האט ער איבערגעזאגט וואס יענער האט געזאגט אין וואויס מעיל, דאס איז נישט קיין...

**Speaker 1:**

אבער א שומע מן הגוי, איינער איז חייב לקרוע. איך וואלט פארשטאנען, פריער האט דער רמב"ם געזאגט אז א מגדף איז אזויווי אן עובד עבודה זרה, און ער באקומט גלייך א דין פון א גוי.

**Speaker 2:**

אקעי, איז ער שוין אן עסטעבלישט גוי.

**Speaker 1:**

ניין, א גוי וואס איז געבוירן א גוי, ער איז נישט קיין גוי גמור.

**Speaker 2:**

א גוי גמור, יא, א גוי.

**די ראיה פון רבשקה — א משומד**

**Speaker 1:**

זאגט דער רמב"ם, **"ולא קרעו אליקים ושבנא"**, און אין מלכים איז דא א מעשה אז ס'איז געווען איינער, רבשקה, וואס ער האט מחרף ומגדף געווען דעם אייבערשטן.

**Speaker 2:**

יא, און ער איז געווען א שונא פון מלך אשור, און ער האט געהאקט אויף דעם אייבערשטן. ער האט געזאגט, "האט דער אייבערשטער ענק געהאלפן? איך האב גענומען א הצילו אלהי הגוים את ארצם, די אנדערע געטשקעס האבן עפעס געראטעוועט? איך האב איינגענומען אלע לענדער." אין קורצן, ער האט חוזק געמאכט פון דעם אייבערשטן. ער האט נישט געזאגט י"ק ו"ק. ס'איז זייער אינטערעסאנט, מען זעט פון די גמרא אפשר...

**Speaker 1:**

דער פסוק ברענגט ער, איז דאך דער פסוק מאכט אזויווי דער שומע מן השומע.

**Speaker 2:**

ניין, עפעס א סימן אז דאס הייסט גידוף אויך. איך קען זיין אז דאס איז די גמרא'ס דוגמא, ס'איז ממש די הארבסטע וועג. אבער עמטליך, איינער זאגט, "אוי, דער אייבערשטער איז גארנישט," דאס הייסט אויך גידוף.

**Speaker 1:**

אלא מנשה רבשקה משומד הוה, רבשקה איז געווען א משומד.

**Speaker 2:**

ווייל ער איז געווען א משומד פארדעם, האט עס נישט געהאט קיין דין פון מחרף ומגדף.

**Speaker 1:**

ניין, פארקערט, פארקערט, פארקערט. ס'שטייט אז אליקים און שבנא זענען געווען די... זיי האבן יא געריסן. "ויבא אליקים... אל חזקיהו קרועי בגדים".

**Speaker 2:**

אה, זאגט דער רמב"ם, די סיבה פארוואס אליקים און שבנא האבן געריסן איז געווען ווייל ער איז געווען א משומד. ער איז געווען א יוד, און ער איז געווארן א גוי. אבער ווען ער וואלט געווען א גוי, וואלטן זיי נישט געדארפט רייסן קריעה.

**Speaker 1:**

ס'איז געווען עפעס א רוף, מען האט אים גערופן... אליקים איז דער מלך, און שבנא איז געווען... אליקים און שבנא זענען געווען צוויי גבאים דארט, זענען געקומען. יא, צוויי גבאים. שבנא וסיעתו. די גמרא ברענגט אין סנהדרין, איך געדענק, שבנא וסיעתו. יא יא, זיי האבן געוואלט מאכן מיט רבשקה.

**דיגרעסיע: גולית — מחרף מערכות אלקים חיים**

**Speaker 2:**

איך טראכט אז אין דוד'ס צייטן האט גולית מחרף מערכות אלקים חיים, האט ער אויך קריעה געווען. איך געדענק נישט געווי, אבער ער האט געריסן קריעה אויף גולית. ער האט אים צעריסן מיט זיינע שטיינער. אבער אויך

גולית, וואס האט ער געזאגט? ער האט אויך געזאגט, "יעקוב יוסי יוסי". ער האט אויך מחרף געווען, ער האט חוזק געמאכט, דער אייבערשטער קען נישט העלפן, וכדומה. עס קען זיין אז א גוי ווייסט נישט פונקטליך די הלכות וויאזוי מ'איז מחרף, אבער ער טרייט, קומט אים שוין פאר דעם אליין אן עונש.

## Speaker 1:

אויב ס'זאל געווען א איד, מ'האט אים געזאגט ער זאל זיין א בן חבר כנסת, און ער האט נישט גענוג גרינגליך צו רייסן יעדן די פלייש, אדער א איד וואס האלט אז זיינע תלמידים זאלן נישט ממש זאגן "יעקוב יוסי יוסי", אקעי, וואס טוט מען? וויאזוי פירט מען זיך אויף? גייט מען צוריק צום דין פונעם מגדף.

#### סמיכת ידים אויפ'ן מגדף

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"כל העדים והדיינים סומכים ידיהם אחד אחד על ראש המגדף, ואומרים לו דמך בראשך שאתה גרמת לך"**. זיי לייגן די הענט אויף זיין קאפ פאר מ'איז אים מעניש, און זיי זאגן אים, "דמך בראשך שאתה גרמת לך". דו האסט דיר אליין גורם געווען מיט דעם וואס דו האסט געזאגט די דברי גידוף.

**"ואין בכל הרוגי בית דין מי שסומכין עליו אלא מגדף בלבד"**. ס'איז נישטא קיין דין סמיכה פאר אנדערע עונשים, נאר פאר א מגדף. ס'איז נישטא אזוויוי א קרבן. ער איז א קרבן? מ'דארף אים סומך זיין?

### המשך הלכות מגדף — דין סמיכה, מהות הגידוף, והקשר לעבודה זרה

#### הלכה יז — דין סמיכה ביי א מגדף

**"ואין בכל הריגת בית דין מי שסומכין עליו אלא מגדף בלבד, שנאמר 'וסמכו כל השומעים את ידיהם על ראשו'"**

ס'איז נישטא קיין דין סמיכה פאר אנדערע עונשים נאר פאר א מגדף, עס שטייט אין פרשת אמור ביי די דין פונעם מגדף.

#### ווער זענען "השומעים"?

זעט אויס אז די עדים זענען אויך שומעים, זיי האבן געהערט ווי די עדים זאגן עס נאך, דאס מיינט די שומעים.

סאו די מגדף האט געזאגט "יכה יכה", צום סוף דער איינציגסטער וואס ווערט געשלאגן איז ער אליין.

#### דער ענין פון סמיכה — "דמך בראשך"

אה, וואס פעלט אויס די סמיכה? ס'זעט אויס אז ס'איז ענין פון כבוד, און איידער דער קארבן ווערט דריי יאר אלט דארף מען אים זאגן דו ביסט אליין שולדיג, שוין, קענסט מאכן סקילה יעצט.

#### פארוואס דער רמב"ם האט אריינגעלייגט מגדף אין הלכות עבודה זרה

די איינציגסטע פארוואס דער רמב"ם האט אריינגעלייגט מגדף אין די זעלבע גדר פון עבודה זרה, ווייל א מגדף זעט אויס ווי ער איז א גרויסער מאמין, נאר ער איז עפעס א פארביטערטער משוגענער וואס איז מגדף. ווייל אויב גלייבט ער נישט אז ס'איז דא א באשעפער וואלט ער נישט געזאגט דברי גידוף.

#### מהות הגידוף — זלזול בפומבי אין דעם אייבערשטן

יעצט כאפ איך, יעצט כאפ איך. גידוף מיינט נישט, "יכה יוסי את יוסי", קודם כל, "יכה יוסי" מיינט נישט ליטעראלי. ס'מיינט נישט ליטעראלי.

צוווייטנס, ס'איז א זלזול אין דעם אייבערשטן, מ'זאגט אז ער האט א נאמען. ער האט דאך שוין קלאר געזאגט "יכה יוסי את יוסי". ער האט געזאגט "מי בכל הארצות אשר הצילו את ארצם מידי", און דער אייבערשטער האט אים אויך געשלאגן. דאס הייסט גידוף.

גידוף הייסט אז ער איז מזלזל בפומבי אין דעם אייבערשטן. "יכה יוסי את יוסי" איז עפעס א פאני זאך וואס מ'מיינט.

סאו מגדף איז א וועג פון מזלזל זיין אין דעם אייבערשטן ברבים, מ'זאגט זאכן וואס ברענגט א גרויסע זלזול אין כבוד שמים.

#### מגדף איז דער היפוך פון שמע ישראל

מגדף איז די אפאזיט פון שמע ישראל. שמע ישראל איז איינער וואס איז מודה בהשם, ער שרייט אז ס'איז דא א גאט. ער שרייט אז ס'איז נישט דא, אדער אז דער אייבערשטער קען נישט העלפן. ס'איז א היפוך פון שמע ישראל.

#### דער אבסורד פון גידוף — "יכה יוסי את יוסי"

ער זאגט זייער גוט, און נאכדעם איז דא די דין למעשה פונקטליך ווען מ'זאגט עס און די ווערטער. אבער די מער קלארע פיקטשער איז די בשעת נפש, די להכעיס.

א טעות, קעגן דעם אייבערשטן, נישט קעגן די הכחשה.

אזוי ווי, אזוי ווי מ'זאגט אויף ענגליש, מגדף, יא, "blasphemy".

ס'איז א "blasphemy".

יעקב יוסף מיינט ער אז ער האקט אויף דעם אייבערשטן.

יעקב יוסף יוסף, ער וויל אפשר ארויסברענגען אז ס'איז טאקע אבסורד, דו האקסט אויף דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער איז שטערקער.

מיט וועמען גייסטו האקן אויף דעם אייבערשטן?

מיט דעם אייבערשטן אליין.

#### מגדף כאיסור אטעאיזם — "לית דין ולית דיין"

אקעי, דאס איז טאקע א קשיא, אבער איך מיין אז, אזוי מיין איך, איך האב אמאל געטראכט אז אפשר מגדף איז דאך דאך גאר אן איסור פון זיין אן אטעאיסט, רחמנא ליצלן, אן איסור דין למעלה דין למטה, לית דין ולית דיין.

דער רמב"ם האט געזאגט, א מעלה על דעתו איז נישט לייחדו, ער זאגט א מעלה על דעתו איז אין אלוה, אז דער אייבערשטער האט נישט קיין כח.

וועלכע איסור איז צו זאגן אז דער אייבערשטער האט נישט קיין כח, אדער אז ס'איז נישטא קיין אייבערשטער?

דאס איז מגדף.

קען זיין אז דער איסור מגדף במקור איז דער איסור אטעאיזם, כאילו רעדן קעגן דעם אייבערשטן, אדער בכלל נישט גלייבן, אדער גלייבן אין עבודה זרה וכדומה.

דאס איז לכאורה דער פשט.

שוין.

---